וואָכנשריפֿט עיראָב

№ 26

פּרייז 20 גראָשן. „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאָכאָווער צייטונג

Piątek 25 czerwca 1937 | ליכט-צינדן 7.40 | פרייטאג פ׳ בלק ט״ו תמוז תרצ״ז

Z powodów od nas niezależnych Walne Zgromadzenie naszego Banku wyznaczone na dzień 27 b. m. nie odbędzie się.

O nowym terminie ponownie zawiadomimy udziałowców.

Bank Spółdzielczy Przemysłowców i Kupców z o. o.
w Częstochowie.

צוליעב פון אונז נישט-אָבהענגיגע סבות וועט די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון אונזער באַנק, וואס איז געווען בעשטימט אויפ׳ן 27-טען ר. ח. נישט צושטאַנדקומען.

וועגען דעם נייעם טערמין וועט בעזונדער געמאָלדען ווערען.

קאָאָפּ. סוחרים-און פאַבריקאַנטען-באַנק
אין טשענסטאָכאָוו.

נ״ע מרדכי (מאטעל) קירשענבוים

איז געשטאָרבען אין עלטער פון 48 יאָהר.

די לויה איז פאָרגעקומען מיטוואָך, דעם 23 יוני ד. י. (י״ד לחודש תמוז תרצ״ז)

גלייכצייטיג דריקען מיר אויס א דאַנק דער געז. „אחיעזר", דעם פאַבריקאַנטען און סוחרים-פעראיין, ווי אויך אַלע, וועלכע האָבען אנטייל גענומען אין דער לויה און אָבגעגעבען אונזער טייערן נפטר דעם לעצטען כבוד

די אין טיעפען טרויער פערבליבענע

פרוי, קינדער, שוועסטער, ברידער, שוויגער-עלטערן, שוואָגערס, שוועגערינס און פאַמיליע.

Z powołu przedwczesnej śmierci

bł. p. Motla Kirszenbauma

wyrażamy żonie i rodzinie nasze szczere współczucie

Gnaszyńska Fabryka Tapet i Papierów Kolorowych S. A.

Koleżance naszej p. STEFIE HAFTKA i Rodzinie z powodu śmierci

b. p. OJCA Jej

wyrażają szczere współczucie

LUTKA KOSOWSKA
JANKA KOENIGSBERG

מיין פריינדין **סטעפאַ האַפטקאַ** צום טויט פון איהר

נ״ע פאטער

מיין טיעפסטען מיטגעפיהל

בצלאל וואַלבערג.

מיר בעטייליגען זיך אין צער פון דער **פאַמיליע קירשענבוים** צוליב׳ן טויט פון זייער **מאַן** און פאטער

נ״ע מאָטעל

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים

פישעל דימאַנט און **פאַמיליע.**

די **אלמנה, קינדער, שוועסטער, ברידער** און **קרובים** צום טויט פון זייער הייסגעליבטען

נ״ע מאָטעל קירשענבוים

דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל

לייב לעדערמאַן און פרוי.

די אַלע, וועלכע האָבען זיך בעמיהט בעת דער קראַנקהייט פון אונזער אונפערגעסליכען זוהן און שוואָגער

נ״ע מאָטעל

קירשענבוים

איבערהויפּט דער חשוב׳ער פרוי קאַפּלאַן און קינדער, ווי אויך די אַלע, וועלכע האָבען איהם אָבגעגעבען דעם לעצטען כבוד בעת דער לויה, דריקען אויס דעם אינניגסטען דאַנק

שוויגער-עלטערן און גשוויסטער זייפמאַן.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דער **פאַמיליע קירשענבוים** צוליב׳ן פריהצייטיגען טויט פון זייער מאַן און פאָטער

נ״ע מאָטעל

דריקט אויס

איזאַק מעסער.

Kino-Teatr „STYLOWY"
Aleja 27.

הערליכסטער פילם פון געלעכטער און טרעהרען!

ריהרענדע דראמא, געשטיצט אויף אַנ׳אמת׳ער פּאַסירונג

Rotmistrz v. Werfen

אין דער הויפּט-ראָל:

רודאָלף פאָרסטער

איבער׳ן פּראָגראַם: קלאַנג-צוגאָבען.

פאַרבערײַ און כעמישע וועשערײַ

„BENETA"

ב. יאָסעלעוויטשאַ 11

(געגענאיבער. דעם געוועלב פון דער קאפעלושארניע)

קראַגענס ווערען געוואַשען מיט דויער-האַפטען שפּיגעל-גלאַנץ.

ספעציאַליטעט:

1) אויספּרישען (פארבען) לעדערנע קורטקעס,
2) פארבען לויט מוסטערן,
3) דעטאַשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ׳ן אָרט),
4) כעמיש רייניגען און פּאַסאָנירען קאַפּעלושן,

+ ונזערע פריינד **עלזאַ ניימאַן** און **שאול וואַרגאַן** צו זייער התונה ווינשען מיר א הארציגען מזל-טוב.

בינם האָפמאַן, באַשע האָפער.

אנשטאט א טעלעגראַם—3 זלאָטעס פאַר די געליטענע אין טשענסטאכאוו.

א האַרציגען זייט = געזונד

זאָגען מיר אונזערע עלטערן, קרובים, בעקאַנטע און פריינד צו אונזער צוריק אָבפאָהרען קיין אמעריקאַ.

זאלען מיר האָפען, אַז איהר אַלע וועט דערלעבען בעסערע און גליקליכערע צייטען.

ברײַנדל און מאַ... סטאָראָזום.

טשענסטאָכאָוו, דעם 25 יוני 1937.

א האַרציגען זייט=געזונד

מיינע עלטערן, געשוויסטער, קוזינען, קוזינקעס, קרובים, בעקאַנטע און פריינד צו מיין אָבפאָהרען צוריק קיין אמעריקאַ.

זאָל מען פון אייך דערהערען בקרוב גוטע בשורות.

נאַטעק קאָט.

טשענסטאָכאָוו, דעם 24 יוני 1937.

דער אלמנה, קינדער, עלטערן און משפחה צוליב׳ן טויט פון זייער אונפערגעסליכען

מאָטעל קירשענבוים

אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל

מאַקס אָפּאַטאָווסקי און פרוי.

Z powodu przedwczesnego zgonu

b. p. MOTLA KIRSZENBAUMA

wyrażamy stroskanej ŻONIE i RODZINIE głęboki żal i współczucie.

Dawid Praszkiewicz z Rodziną.

Z powodu śmierci

b. p. MOTLA KIRSZENBAUMA

wyrażamy zrozpaczonej ŻONIE, DZIECIOM oraz BRACIOM najgłębszy żal i współczucie

PERFUMERJA „NORIS".

מיר בעטייליגען זיך אין גרויסען צער פון דער **פאַמיליע קירשענבוים** צום פריהצייטיגען טויט פון זייער אונפערגעסליכען מאַן און פאָטער

נ״ע מאָטעל

און דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל

משה שטערנזיס און פרוי.

די געשעהענישען אין טשענסטאכאוו.

שבת אינדערפריה האבען עטליכע יונגע גנבים גענומען אויפרייסען דעם סקלאד פון אלט אייזען, וואס געהער צו לאנדוי און זעלווער, אויף דוויר-ניצקי'ס וואלדס. זעלווער האט גענומען אוועקיאגען די גנבים און דאמאלס איז אנגעקומען, פיהרענדיג א וועגעלע, דער קריסטליכער פעקיל - טרעגער סטעפאן באראן, וועלכער האט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די גנבים און מיט'ן דישעל געגעבען עטליכע שטויס זעל-ווער'ן. גראד האט זיך פון דער צווייטער זייט וואלעס דערנעהנטערט דער פליישער - פוהרמאן יאסל פענדראק, וועלכער האט ווידער גענומען אין שוץ זעלווער'ן. צוליעב דעם איז ענטשטא-נען א קריגעריי צווישען באראן און פענדראק'ן, בעת וועלכען באראן האט געווארפען עטליכע שטיינער פענדראק'ן און אין רעזולטאט האט פענדראק דער-שאסען באראנ'ען אויף טויט.

דער דערשאסענער באראן איז שוין אבגעזעסען אין טורמע פאר פערשידע-נע פערברעכענס און לויט געוויסע השערות איז ער שבת מיט זיין וועגע-לע געקומען אבנעמען סחורות, וועלכע די גנבים האבען זיך געריכט פון דער-מאנטען סקלאד צוצורויבען.

באלד נאכ'ן דאזיגען פארפאל האט זיך אנגעהויבען א העצע נעגען יודען, צוליב וואס קהלה פרעזעס ה' ראזענבערג און דר. בראם האבען אינטערוועניר בייט דער ארטיגער מאכט און ביי דער וואי-יעוואודשאפט אין קעלץ וועגען אונ-טערנעמען געהעריגע שריט. גלייכציי-טיג האט די קהלה וועגען זעלבען ענין זיך פערשטענדיגט מיט די יודישע פאר-לאמענטאריער אין ווארשא און סענ. טראקענהיים מיט'ן דעפ. ד"ר גאטליב האבען אינטערוועניר אין אינערן-מיניסטעריום. גלייך איז אין די גאסען מאביליזירט געווארען א גרעסערע צאהל פאליציאנטען פון טשענסטאכאוו און די שכנות'דיגע שטעדט אזוי, אז מען האט געקענט רעכענען, דאס ס'וועט נישט קומען אין אונזער שטאדט צו קיין אונרוהען.

ארום 7 א זייגער אווענד אבער האבען מחנות כוליגאנעס פון פערשי-דענע טיילען פון דער שטאדט גענומען אויסהאקען שויבען און בעפאלען דורכ-געהענדע יודען און באלד דערנאך האט די אנטי-יודישע אקציע אנגענומען א פלאנמעסיגען כאראקטער אין צעהנד-לינגער גאסען, ווי אין די אלעען, נייער מארק, אלטער מארק, גארנצארסקא, נאדזשעטשנא, ווארשאוער, גאריבאל-די, אגראדאווא, ב. יאסעלעוויטשא, קא-טעדראלנא, אלעע וואלנאשטשי, יאסנא-גורסקא זענען אויסגעהאקט געווארען די שויבען אין יודישע וואוינונגען און געוועלבער, עס זענען צעאבגעריסען געווארען די שילדען און מעהרערע געוועלבער זענען די סחורות געווארען צוראבייט אדער פערניכטעט. ספע-ציעל איז די אקציע פון די כוליגאנעס געווען געווענדעט געגען די יודישע געוועלבער אין דער 2 אלעע, וואו צווי-שען אנדערע ס'זענען צוראבירט גע-וואיען די געוועלבער פון לאנגנער, זשאנשינסקי, בוכהאנדלונג פון ראלניצ-קי (וועמענס ביכער ס'האבען זיך גע-וואלגערט אין דער גאס), שידלאווסקי, פעראסאל, בערל שלעזינגער, ראטמיל, סלאווני, געווערצמאן, יוזעפאוויטש, גרא-נעק, אין איינינע פאלען האט מען אפילו געפרובט אונטערצוצינדען אין דער צווייטער אלעע יודישע געוועל-בער; ס'האט אויך געברענט דער יודי-שער האלץ סקלאד אויף דער ווארשא-ווער 14.

ס'זענען אויך אויסגעהאקט געווארען די שויבען און צעבראכען די פוטרי-נעס אין דער אלטער שוהל און דאס גלייכען אין דער נייער שוהל.

דאס קינא „לונא" איז געוואיען שטארק דעמאלירט.

די כוליגאנעס האבען צעשלאגען און פערוואונדעט אויף די גאסען מעהרערע יודען, דערונטער איז שווער פערוואונ-דעט געווארען דער לעהרער פון מלו-כה'שען גימנאזיום ד"ר שרייבער (א יוד); ס'איז אויך געווארען ערנסט פער-וואונדעט א ווארשאווער סוחר ה' גרינ-בערג.

אויף אייניגע גאסען, ווי אגראדאווע, קאטעדראלנע זענען אין די פענסטער פון די קריסטליכע וואוינונגען ארויס-געשטעלט געווארען הייליגע בילדער מיט אנגעצינדענע ליכט.

די דאזיגע געשעהענישען האבען געדויערט עטליכע שעה, ביז ארום 11 א זייגער אויפדערנאכט – אין פער-לויף פון דער דאזיגער צייט איז פרע-זעס ראזענבערג געווען אין אונאויפ-הערליכע פערבינדונגען מיט דער הי-גער מאכט ווי אויך מיט די יודישע פארלאמענטאריער פון ווארשא, וועלכע האבען כסדר אינטערווענירט אין אי-נערן מיניסטעריום.

אין מעהרערע פאלען האט די פא-ליציי פונאנדערגעטריבען די כוליגא-נישע מחנות, נישט שטענדיג אבער האט די אינטערווענץ פון דער פאלי-ציי געבראכט דעם געהעריגען ער-פאלג. חוץ פאליציי האבען אין די גאסען געמאכט מעהרערע מיליטער-פאטרולען.

אויף דער ווארשאווער גאס נר. 338 זענען כוליגאנעס אריין אין דער וואוי-נונג פון קאפל האבערמאן, וואו זיי האבען דעמאלירט דאס שטובען מעבעל, צוריסען דאס בעטגעוואנד, ארויסגע-לאזט די פעדערן אויך צוגערויבט 150 זל. מזומן. אין זעלבען הויז האבען זיי אויך דעמאלירט די וואוינונג פון הירשל פוקס.

אויפ'ן עק ווארשאווער און קרוטקא גאס זענען כוליגאנעס אריין אין דער וואוינונג און בעקעריי פון ה' איילענ-בערג, וואו זיי האבען צושלאגען די שטוב מענשען, פערניכטעט און צוגע-רויבט געבעקס און שטוב זאכען, דערונ-טער אויך צושנימען דאס בעטגעוואנד.

אויף נארוטאוויטשא גאס האבען כוליגאנעס פערניכטעט דעם טישלער-ווארשטאט און וואוינונג פון בער ווייס-בערג, וואו זיי האבען אויך צוגערויבט א בעדייטענדע סומע געלד.

אויף טשענסטאכובקע זענען דעמא-לירט געווארען די וואוינונגען פון די דארטיגע איינוואוינער: הערצקע אופנער, פרישמאן א.א. אויף דעם דאמבראוו-סקי גאס זענען פולשטענדיג צוראבירט און פערניכטעט געווארען אלע כחוות פון אברהם אלטמאן (שפייז געוועלב).

די כוליגאנעס האבען זיך אפילו בעניצט מיט באמבעס און פעטארדעס, איין באמ-בע האבען זיי אריינגעווארפען דורכ'ן פענסטער פון דער פארטער וואוינונג פון אייגענטימער פון דער פאפיערניע דר. לעאפאלד קאהן אויף קאטעדראלנא-גאס, וועלכע האט אויפגעריסען מיט א שטארקע קראפט און דעמאלירט א טייל שטוב-חפצים. עטליכע פעטאר-דעס זענען געווארפען געווארען אין דער צווייטער אלעע נעבען יודישע געוועלבער.

כמעט אין אלע גאסען זענען אויס געהאקט געווארען די שויבען אין די יודישע וואוינונגען, צוו. אנד. אויך אין יודישען גימנאזיום און אפילו אין דער פאוושעכנע שולע פאר יודישע קינדער אויף נארוטאוויטשא גאס.

דער זונטאג'דיגער טאג.

די נאכט פון שבת אויף זונטאג איז אדורך רוהיג, אבער נעכטען אין דער-פריה האבען זיך די עקסצעסען טייל-וויין ווידערהאלט, דאסמאל שוין נישט אין צענטער שטאדט, נור אויף די הינ-טערשטאדטישע גאסען. אזוי האט מען כסדר אלארמירט די קהלה, אז טיעף אין דער ווארשאווער גאס ווערען ווייטער דעמאלירט יודישע וואוינונגען – דאס זעלבע אויך אויף טשענסטאכובקע, נארוטאוויטשא, נאדזשעטשנא, גארנ-צארסקא. בעזונדער איז אטאקירט גע-ווארען דאס נייע בית המדרש, וואו די כוליגאנעס האבען אויסער די שויבען, אויך אויסגעהאקט די פענסטער-ראהמען.

איינצעלנע יודען זענען זונטאג צו-שלאגען געווארען, ערנסטערע וואונדען האט בעקומען מיט אנ'אייזען איבער'ן קאפ גרילאק, אלעע 9.

אין פערלויף פון טאג האט די קהלה ווייטער אינטערווענירט ביי דער היגער, ווי אויך וואיעוואדישער און צענטרא-לער מאכט, אז אין פיעל פאלען קומען די געוואלדטהאטען פאר פאר די אויגען פון דער פאליציי, וועלכע רעאגירט שוואך אויף די ארויסטרעטונגען.

די קהלה פאושטעהער, האבען ער-קלערט, אז לויט דערהאלטענע אינפאר-מאציעס זאלען די געשעהענישען זיך איבערחזר'ן און דעריבער געפאדערט פון דער מאכט ענערגישע מיטלען. גלייכצייטיג האט די קה"ה אויסגע-שיקט זונטאג צום פרעמיער-מיניסטער סקלאדקאווסקי, ווייצע-אינערן-מיניסטער פאטשארקאווסקי, קעלצער וואיעוואדא ד"ר דזיאדאש און צום פראקוראר פון פיעטרקאווער קרייז-געריכט ראזוע – דעפעשען מיט'ן פאלגענדען אינהאלט: „די לאגע אין טשענסטאכאוו איז דראהענד, צעהנדליגער יודישע געוועל-בער און וואוינונגען זענען געווארען דעמאלירט, יודיש פערמעגען פערניכטעט און רויבירט, ס'זענען פעראהן פיעל צעשלאגענע און פערוואונדעטע, די אנפאלען און עקסצעסען דויערן ווייטער. פאר די אויגען פון דער צאהלרייכער פאליציי קומען פאר געוואלדטהאטען.

אין נאמען פון דער בעאונרוהיגטער יודישער בעפעלקערונג בעטען מיר אנ-צונעמען ערפאלגרייכע שריט, כדי צו-ריקצושטעלען די רוה און זיכערהייט פון לעבען און פערמעגען".

אין די אווענד שעה'ן איז א המון פון עטליכע הונדערט כוליגאנעס, הויפט-זעכליך יוגענדליכע בעפאלען די גערט נער-פערמע, וועלענדיג זיך אהין אריינ-בעקומען און געשטורמט פון דרויסען דעם בנין מיט שטיינער. צוליעב דעם, וואס דער טעלעפאן אין דער פערמע איז געווארען איבערגעריסען, האבען זיי נישט געקענט ארויס-רופען טעלע-פאניש קיין פאליציי, געשיקט א חלוץ אויף א פערד אין שטאדט אריין. דער חלוץ איז אבער אויפ'ן וועג געווארען דורך די כוליגאנעס צושלאגען און דאס פערד צגטרונען. צושלאגענערהייד האט דער חלוץ זיך קוים צוריק בעקומען אין דער פערמע אריין. ס'איז דאך געלונגען ארויסצורופען אהין א פאליציישען פאטרול, וועלכער האט די כוליגאנעס צוטריבען.

פון די געווארפענע שטיינער זענען אויסגעהאקט געווארען די פענסטער אינ'ם פערמע - בנין און פערניכטעט מאנכע אינערליכע איינריכטונגען. ביז שפעט אין דער נאכט האבען נאך קלע-נערע גרופען כוליגאנעס נישט אויפ-געהערט צו ווארפען שטיינער אין דעם פערמע בנין.

לויט די דערהאלטענע ידיעות פון פערשידענע פונקטען פון דער שטאדט שפעט ביינאכט, איז די לאגע אין דער שטאדט א רוהיגערע.

אויפרוף פון שטאדט-פרעזידענט.

זונטאג פארנאכט זענען אין דער שטאדט פונאנדערגעקלעבט געווארען פלאקאטען מיט פאלגענדען אינהאלט:

צו דער בעפעלקערונג אין טשענ-סטאכאוו. די בעדויערענסווערטע גע-שעהענישען פון די לעצטע שעה'ן הא-בען געשטערט די עפענטליכע רוה און די געזעלשאפטליכע אטמאספערע אין אונזער שטאדט. די פרובען פון זעלבסט-געריכט בעשווערען דער יוסטיץ אביעק-טיוו אבצושאצען די סיבות און די אייגענוויליגע האנדלונג קען לייכט דערפיהרען צו ווייטערדיגע הערכסט-אונגעווינשענע פארפאלען, שטערען דאס נארמאלע לעבען און דערנידריגען דעם כבוד נישט בלויז פון אונזער שטאדט, נור אויך פון דער מלוכה און פאלק.

טשענסטאכאוו, דאס זיך ארט פון דער יאסנא-גורא, די גייסטיגע הויפט-שטאדט פון פוילען, דארף אין ערנסטע מאמענטען ארויסווייזען רוהיגקייט און ווירדע אלס אויסדרוק פון נאציאנאלער קולטור, פון גייסט און בירגערליכער פערשטענדניס פאר דער נויטווענדיג-קייט איינצוהאלטען דעם כבוד פון דער שטאדט.

איך ווענד זיך צו דער גאנצער גע-זעלשאפט מיט'ן רוף, אז זי זאל הא-בען אכטונג פאר'ן געזעץ און מיט-ווירקען איינצוהאלטען די עפענטליכע רוה און זיכערקייט.

יאן שטשאדראווסקי,
שטאדט-פרעזידענט.

טשענסטאכאוו, ד. 20 יוני 1937 י.

נאך די דעפעשען, וועלכע די קהלה האט זונטאג אבגעשיקט צום פרעמיער-מיניסטער, וואיעוואדע און אנדערע, זענען תיכף ארויסגעגעבען געווארען דורך דער צענטראלער מאכט נעהערי-גע פעראָרדנונגען, א דאנק וועלכע זונ-טאג ארום 9 א זייגער אויפדערנאכט, איז די ארדענונג צוריקגעשטעלט געווא-רען, אזוי, אז די גאנצע נאכט איז אדורך רוהיג.

אויפ'ן דריטען טאג-מאנטאג.

מאנטאג אינדערפריה איז די אטמא-ספערע שוין געווען אביסעל אבגע-שאנט און די בעוועגונג א גרעסערע, אבער די יודישע געוועלבער זענען געווען געשלאסען, טייל יודישע פאב-ריקאנטען האבען מאנטאג נישט געלאזט אין בעוועגונג זייערע פאבריקען.

א גרופע פרעסע - פארשטעהער פון יס"א, „טשענסטאכאווער עקספרעס", „טשענסטאכאווער צייטונג", „פאלקס-צייטונג" און „היינט" האבען אין די פארמיטאג שעה'ן געמאכט א בעזוך אין די אממעהרסטען צושעדיגטע ערטער. אין מאנכע פונקטען, הויפטזעכליך אין דער טיעף פון דער ווארשאווער גאס, האבען זיך פאר זייערע אויגען פאר-געשטעלט שוידערליכע בילדער.

די לויה פון דערשאסענעם באראן פארגעקומען 3 א זייגער פארטאגס אונטער א שטארקער פאליצייאישער שמירה.

נישט געקוקט דערויף האט זיך מי-טאג צייט אנגעהויבען צו זאמלען א גרויסער המון פון עטליכע טויזענד מאן פאר'ן שטאדטישען שפיטאל אין דער צווייטער אלעע, רעכענענדיג, אז עס דארף דאמאלס פארקומען די לויה פון באראנ'ען.

דערוויסענדיג זיך, אז די לויה איז שוין לאנג פארגעקומען, האט דער המון אנגענומען אנ'אגרעסיווע שטעלונג. אויף דער אינטערווענץ פון די קהלה-פאר-שטעהער פרעזעס ראזענבערג, פרעזעס אדוו. קאנארסקי און ד"ר בראם זענען תיכף פונאנדערגעשיקט געווארען שטאר-קע פאליציי-פאטרולען, וועלכע האבען ענערגיש פונאנדערגעטריבען דעם המון פון די אלעען.

דער המון האט זיך דאן איבערגע-טראגען אויף די זייטיגע גאסען, וואו זיי האבען צוהאקט שויבען אויף דער גאריבאלדי גאס, ווילסאנא און אנדערע און דערנאך זיך קאנצענטרירט אויפ'ן נייעם מארק, נעבען קאשטשאל.

ביים צוטרייבען דעם עולם זענען א-ויס פון קאשטשאל עטליכע גלחים, וועלכע האבען עפיס גערעדט צום המון און צו די פאליציאנטען – נעוויי וואס איז נישט געלונגען פעסטצושטעלען. די פאליציי האט דאן א גרויסען טייל פון זיי צוטריבען און די איבריגע האבען זיך ווייטער קאנצענטרירט ארום און אין דעם קאשטשאל.

דאן האט זיך א גרויסע מחנה ווידער איבערטראגען הויפטזעכליך אויף נאד-זשעטשנע און גארנצארסקע פאר דער שוהל און בית המדרש. א צווייטע גרופע כוליגאנעס האבען אנגעהויבען האקען שויבען אויף דער גארנצארסקע גאס, פון וואנען יודישע ארבייטער גרופען האבען זיי פונאנדערגעטריבען.

דערנאך האבען די כוליגאנעס אטא-קירט די שוהל, בית המדרש און דאס שכנות'דיגע שחט הייזעל. אריינבעקו-מענדיג זיך אין בית המדרש האבען זיי אינווענינ אלעס דעמאלירט, ארויסגענו-מען די ספרים אויפ'ן הויף, זיי צוריסען און אונטערגעצינדען.

א ביסעל שפעטער זענען אלארמירט געווארען די פייערלעשער, וועלכע הא-בען פערלאשען די שרפה, וואס איז אויסגעבראכען אין פראנק'ס הויז אויף עק מיראווסקא און גארנצארסקע.

אנגעקומען דעפ. ד"ר גאטליב.

מאנטאג ארום 5 פארנאכט איז אנגע-קומען פון ווארשא דעפ. ד"ר גאטליב צוזאמען מיט'ן „קאלא" סעקרעטאר ד"ר טענענבוים, וועלכע האבען תיכף אבגע-האלטען א קאנפערענץ מיט פרעזעס ראזענבערג, אדוו. קאנארסקי, ד"ר בראם און אנדערע געזעלשאפטליכע פארשטע-הער. דערנאך האט דעפ. גאטליעב בעזוכט דעם סטא־אסטא און פאליציי-קאמענדאנט, מיט וועלכע ער האט ארומגערעדט וועגען דער געשאפענער סיטואציע אין אונזער שטאדט און בע-קומען א צוזאג, אז ס'וועלען אנגענומען ווערען אלע מיטלען צוריקצושטעלען די פולשטענדיגע רוה.

דער דינסטאג'דיגער טאג.

דינסטאג זענען די יודישע געוועלבער ווייטער נישט געעפענט געווארען. מעהרערע יודישע פאבריקען זענען ווי-טער געבליבען אומטעטיג. אויף די גא סען האבען זיך בעוויזען גאנץ ווייניג יודען און די בעוועגונג איז כמעט ווי אבגעשטארבען. אין נויטיגע פאלען לויפען איינצעלנע יודען שנעל אדורך די גאסען, קוקען זיך ארום דערשרא-קענע אויף אלע זייטען און איילען שנעל אהיים.

אויף די וועגען, הינטער דער שטאדט, זענען געשטאנען פאליציי פאטרולען, וועלכע האבען נישט אריינגעלאזט אין שטאדט אריין די פויערישע פוהרען, וואס זענען געפאהרען אהער אויפ'ן מארק-טאג, וועלכער קומט געוועהנליך פאר ביי אונז אין שטאדט יעדען דינ-סטאג. דער האנדעל אין שטאדט איז אינגאנצען פאראליזירט, אפילו אין די קריסטליכע געוועלבער קומט כמעט נישט פאר קיין שום לייזונג. די קינא'ס און קאוויארניעס זענען כמעט ליידיג.

כדי צו פערשטארקען די פאליצייאי-שע מאכט איז דינסטאג אנגעקומען אהער א גרעסערע צאהל רייטער-פאליציי פון ווארשא.

די גאסען ווערען ווייטער בעוואכט דורך א גרויסער צאהל פאליציי-פאט-רולען.

מאסען היגע יודישע איינוואוינער האבען בעקומען דעפעשען פון זייערע ק־רובים אין אמעריקא, ארץ־ישראל, פראנקרייך און אנדערע מדינות מיט דער אנפ־אגע וועגען דער לאגע אין אונזער שטאדט.

עס האבען דא געווײלט אין צוזא-מענהאנג מיט די געשעהענישען מעה-רערע מיטארבייטער פון די ווארשאווער יודישע צייטונגען, פון וועלכע מאנכע געפונען זיך נאך אין אונזער שטאדט.

אויף דער ווארשאווער גאס זענען ארום 9 א זייגער צושלאגען און פער-וואונדעט געווארען די יודען: לייביש בירנבוים און יצחק טשארגי. דעם ער-שטען האט מען אין א דראזשקע גע-מוזט אבפיהרען אין יודישען שפיטאל אריין, וואו מ'האט איהם באנדאזשירט די וואונדען. אויף דער זעלבער גאס, אין די ווייטע נומערן האט מען אין די עטליכע נאך פון פריהער פערניכטע-טע דעמאלירטע וואוינונגען אויסגע-האקט די שויבען, וועלכע זענען נאך געהאט איבערגעבליבען.

וואיעוואדע דזיאדאש אין טשענסטאכאוו.

דינסטאג פארמיטאג איז אנגעקומען קיין טשענסטאכאוו דער קעלצער וואי-יעוואדע ד"ר דזיאדאש, וועלכער האט תיכף אליין איבערגענומען די אויפזיכט איבער דער היגער שטאדט. אין בע-גלייטונג פון סטאראסטא און אנדערע העכערע פארשטעהער פון דער וואיע-וואודזטווע און סטאראסטווע, האט דער וואיעוואדע בעזוכט נעכטען פערשידענע פונקטען פון דער שטאדט און זיך בע-קענט מיט דער יעצט הערשענדער לאגע.

זייט עטליכע טעג ווײלט אויך דא דער וואיעוואדישער פאליציי-קאמענ-דאנט סטאנא און דער פערטרעטער פון נאטשעלניק פאר זיכערהייטס ענינים ה' קראקאוויאן.

אויפרוף פון טשענסטאכאווער ביסקופ.

דינסטאג נאכמיטאג זענען איבער די היגע גאסען פונאנדערגעקלעבט געווא-רען פלאקאטען מיט'ן פאלגענדען אינ-האלט:

צו דער קאטוילישער און פוילישער געזעלשאפט אין טשענסטאכאוו!

מיינע ליעבסטע!

טשענסטאכאוו לעבט איבער זעהר שווערע און געפעהרליכע מאמענטען. ס'איז בעגאנגען געווארען א פערברע-כען, וואס דארף געטאדעלט ווערען. דאס פערברעכען האט ארויסגערופען צווישען דער געזעלשאפט אויפרעגונג

(המשך — זייט 5)

אברהם פויגעל

רעפלעקסען אויפ'ן טאג

עס איז העכסט סימפטאמאטיש: ס'איז כמעט יעדער יוד געווארען לעצטענס א פארשער פון אנטיסעמיטיזם. און נישט קיין וואונדער. עגבערט דאך אין מח פון יעדען, וועלכער האט געהאט דאס גליק אדער אומגליק געבוירען צו ווערען פון יודישע עלטערן, די פשוט'ע פראגע: פארוואס און פארוואס האט מען מיך פיינד? פארוואס זיין דער שעיר לעזאזאל צווישען אלע פעלקער? פארוואס זאלען צוויי טויזענד יאהר זיין איין לאנגע קייט פון מארטירערטום און פיין?!

און מ'קען נישט זאגען: מ'האט פערשידען געפרובט דערויף ענטפערן. מ'האט געזוכט די סבות פשוט אין רשעות פון די פעלקער, אין זייער בארבאריזם; מ'האט זיי געזעהען אין דער קנאה; טייל האבען זיי געפונען אין דער עקאנאמיק: אט זוכט מען ווי אזוי אבצוציהען די אויפמערקזאמקייט פון פויפעריזירטען פאלק פון זיינע בעדריקער און מען שטופט עס דעריבער אויף יודען. עס איז קלאר, אז דאס אלץ שעפט נישט אויס די פראגע. אויב פארשען די סיבות דארף מען זיי זוכען, גלויב איך, ביי זיך אליין אין דערזעלבער מאס, וואס אין דער דרויסענדיגער וועלט.

אין די דאזיגע שורות פערמעסט איך זיך אבער נישט אויסצופארשען די סבות פון דער דאזיגער וואונדערליכער ערשיינונג. איך וויל נור פעסטשטעלען עטליכע רעאלע פאקטען און ציהען פון זיי די געהעריגע מסקנות.

*

עס איז קלאר פאר יעדען מענש, וועלכער האט אפענע אויגען, אז עס ריקט זיך אויף אונז דא אין פוילען א מ ע כ ט י ג ע ר ש ט ו ר ם. עס ווייזען אן אויף איהם סמנים אויפ'ן הימעל און אויף דער ערד. זיינע פיעלזאגענדע פארפאסטענס זענען געווען: פשיטיק און די שחיטה גזירה, מינסק-מאזאוויעצק און בריסק, און הלואי עס זאלען נישט פלוצים אויף אונזער האריזאנט ווי א ראקעטע אויפלייכטען פיעל אנדערע שטעדט און שטעדטלעך.

און זאל זיך קיינער נישט איינרעדען, אז דאס איז נור א פאראיבערגעהענדע ערשיינונג, וועלכע מ'בעדארף נור איבערהאלטען. עס איז א ריזיגער שטראם, וועלכער געהט דאסמאל דורכאויס פון אונטען. יעדעס 5 יאהריג קריסטליך קינד איז היינטצוטאג אנגעזאפט ווי א שוואם מיט גיפטיגען האס צו אלעס וואס יודיש; יעדער פשוט'ער קריסט פון המון אידענטיפיצירט היינט דעם יוד מיט'ן טייוועל, מיט דעם אונמערשיעד, וואס עס איז פעיהאנען נור איין טייוועל, דאגעגען א סך יודען.

ווער עס וויל זיך מיט אייגענע אויגען איבער דעם איבערצייגען — זאל פאהרען היינט מיט די פוילישע באהנען, זאל מאכען פראקטישע איבונגען אויף די פעריפעריען פון דער שטאדט, כאטש דאס לעצטע וואלט איך קיינעם בשום אופן נישט געראטען.

אנטיסעמיטיזם איז געווארען א מאסען-בעוועגונג, א שטראם אזעלכער, וועלכער געהט שוין נישט מעהר איינערהאלב די אנגעצייכענטע ברעגעס, נור ברעכט זיי אדורך, האלטענדיג אויפ'ן רוקען זיינע אמאליגע פיהרער; ערגער: מיטשלעפענדיג אין גרויס אימפעט אויך די, וועלכע זענען פון זיין ברעג ווייט געשטאנען. איך מיין — די לעגיאניסטען.

*

מען מוז דאך זיך אבגעבען א דין וחשבון פון דעם, וואס קומט יעצט פאר אין דער פוילישער מדינה. עס געהט אן א געראנגעל אויף טויט און לעבען וועגען דער נשמה פון פאלק. ווער עס וועט זי בעזיצען, דער בעקומט די מאכט. און דאס פאלק איז היינט געשטימט אנטי-יודיש.

נישט קיין וואונדער דעריבער, וואס מיר הערען נייע ליעדער פון אזא מיעדזשינסקי ענד קאמפאני. הארכט זיך גוט איין אין די נייע טענער, וועלכע עס שפיעלען אויס די הערען דעפוטאטען און סענאטארען, הארכט זיך איין אין די רעדעס פון די פראקוראטארען און די מאטיווירונגען פון די ריכטער; הארכט זיך גוט איין — און האט נישט אויף זיי קיין תרעומות. דאס זענען דיזעלבע מענשען פון פאר 8 יאהר צוריק מיט כמעט דיזעלבע איבערצייגונגען. ביי זיי האט זיך נישט פיעל געענדערט — אנדערש איז נור דער המון! (ווי זאגט עס דאס אראבישע פאלקס ווערטיל: אז דער בארג איז נישט געקומען צו מחמד'ן, איז מחמד געקומען צום בארג).

און עס ווערט קלארער פון טאג צו טאג, אז דעט קאמף וועגען מאכט אין פוילען פערשפיעלט דער, וועלכער ארגומענטירט זיך נ י ש ט ג ע ג ע ן אונז. פערליערען אבער גלוסט זיך קיינעם נישט. דעריבער איז אזוי שווער צו גלויבען, אז די פוילישע סאציאליסטען זאלען אנהאלטען אויף לאנג זייער ביזיעצטיגע ליניע. פערקעהרט, עס האבען זיך שוין בעוויזען סמנים פון א געוויסען דורכבראך. די בעריהמט-געווארענע בראשור פון ה' בארסקי איז נור א לאגישער און קאנסעקווענטער פועל-יוצא פון דער פאקטישער זאכלאגע.

*

ס'זענען פערהאן צווישען אונז און פרעמדע מייל, וועלכע האלטען, אז מיר דארפען שאפען אלס אבוועהר — אנ'אפאלאגעטישע ליטעראטור. עס הייסט, אנדערש געזאגט, פיהרען אנ'אויפקלערונגס ארבייט צווישען דער אינטעליגענץ, געבען איהר צו פערשטעהן, אז יודען זענען נישט קיין קאפיטאליסטען און נישט קיין קאמוניסטען, נישט קיין סאציאליסטען און נישט קיין פאשיסטען, נישט קיין בארבארען און נישט קיין מאסאנען, נישט אינטעלעקטואליסטען און נישט סענסואליסטען; אזוי ווי די אינטעליגענטען וואלטען טאקע אין דעם אלעם פשוט געגלויבט; אזוי ווי זיי וואלטען א נ ג ע פ י ה ר ט מיט דער בעוועגונג און נישט געווען די נ ע פ י ה ר ט ע; אזוי ווי די אלע זינלאזע אינסינואציעס וואלטען זיך נישט סותר געווען איינעם אינעם! איבריגענס, האט נאך דער קלוגער פאליאק, קראשיצקי, געזאגט: דער חכם האט איבערצייגט, אבער דער נאר האט צו'מקל'ט...

ליטעראטור אין דעם פאל הייסט — אקעגענשטעלען פאפירענע טאמעס דעם טייך וואס פלייצט.

*

איך האב אנגעהויבען שרייבען די עטליכע רעפלעקסען ביי א רוהיגער אטמאספערע. ס'האט גארנישט געוויזען דערויף, אז אונזער שעהנער, בלאהער הימעל זאל זיך פלוצים פערכמארען און ס'זאל אנהויבען דונערן און בליצען נאר אויפ'ן בריסקער פארמאט. נישט געריכט זיך דערויף, אז ס'וועט אויסקומען צו שרייבען די ווייטערדיגע שורות אונטער'ן אקאמפאניאמענט פון שויבען-בראזגעריי און יובעל פון המון, ביי וועלכען עס האט אויפגעוואכט די בעסטיע; נישט געריכט זיך, אז ס'איז געקומען די רייהע אויף טשענסטאכאוו צו ווערען די מערטירערין פון פוילישען יודענטום. אקארשט געלייענט דעם חורבן-בריסק נישט צוגלויבענדיג זיך אליין און נישט געריכט זיך צו בעקומען אזוי גיך א בולט'ע אילוסטראציע, זיך צוצוקוקען וואס עס קומט ארויס, ווען היטלעריסטישע זריעה קריגט זיך ארויף אויף נישט קולטיווירטען באדען.

אונטער'ן רושם פון געשעהענעם, נישט וויסענדיג, וואס די נאהנטע שעה'ן וועלען ברענגען, האבענדיג פאר די אויגען דאס לעבענדיגע בילד פון האסענדען קליינווארג, בעקומענדיג מיטאמאל, ווי דורך א בליץ, דעם פרצוף פון דער סביבה, צווישען וועלכער עס קומט אויס צו לעבען — קען מען כמעט נישט רוהיג און קאלט בעהאנדלען דעם אנטיסעמיטיזם. ס'פאדערט זיך א גרויסע אנשטרענגונג פון די נערוועו און שטארקע קאנצענטרירונג פון ווילען אום, ווען די פעדער ציטערט אין האנד נישט אבצוווייכען פון דער אנגענומענער ליניע.

נו מיר'ן פרובירען!

(סוף קומט).

רוים און ירושלים

געדאנקען און בעטראכטונגען

פון ד"ר א. גינזבורג

מוסאליני, דער מאדערנער צעזאר פון רוים, האט ערקלערט מלחמה געגען דעם, וואס ער רופט „העברעאיזם". דער העברעאישער גייסט שטעהט איהם אין וועג.

„העברעאיזם" און העברעאישער גייסט איז פאר מוסאליני'ן אלץ דאס, וואס איז געגען זיין פילאזאפיע פון פאשיזם — אלץ דאס, וואס האט א שייכות מיט דעמאקראטיע, מיט ליבעראליזם און מיט אינטערנאציאנאליזם.

איז עס בלויז א נייער נאמען פאר אנ'אלטען קאמף, א נייער עפיזאד אין אנ'אלטער מלחמה. דער נייער צעזאר האט דא קיין נייעס נישט אויפגעטהון, ער האט קיין זאך נישט מחדש געווען, ער געהט אין די אלטע אויסגעטרעטענע וועגען פון די אלטע צעזאר'ס. עס איז די אלט-אלטע און אייביג-נייע מלחמה וואס רוים פיהרט געגען ירושלים. די דאזיגע מלחמה בייט איהרע פארמען, לויט צייט און אומשטענדען, אבער דער תוך בלייבט שטענדיג דער זעלביגער.

נישט פון היינט איז די מלחמה צווישען רוים און ירושלים. זי איז שוין מעהר ווי צוויי טויזענד יאהר אלט. רוים האט שטענדיג פיינט געהאט ירושלים. רוים האט נישט געקאנט פערטראגען דעם גייסט פון ירושלים — דעם גייסט פון ווידערשטאנד געגען שלעכטס, דעם גייסט פון מענשליכער ווירדע, דעם גייסט פון דער מענשליכער פערזענליכקייט און איהרע רעכטען, רוים האט פיינט געהאט ירושלים, ווייל ירושלים איז איהר געשטאנען אין וועג.

* * *

רוים און ירושלים זענען צוויי סימבאלען פון צוויי געגענזעצטע „וועלטאנשויאונגען, פון צוויי להיפוכ'דיגע לעבענס פילאזאפיען:

רוים שטעהט פאר דער אלמעכטיגקייט פון דעם שטאאט. דער שטאאט איז אלץ; דער יחיד איז גארנישט. מעגען אלע יצירים אונטערגעהן, אבי דער שטאאט זאל בלייבען און פון זיין כבוד זאל נישט געמינערט ווערען.

ירושלים שטעהט פאר די רעכטען פון דעם איינצעלנעם, פאר דעם ווערט פון דער מענשליכער פערזענליכקייט, פאר דער גרויסער בעדייטונג פון דעם מענשליכען לעבען. דער יחיד איז נישט קיין קלענערער יחסן פון דעם שטאאט, ווייל יעדער יחיד איז אליין א גאנצע וועלט, איז דעריבער, „ווער עס דערהאלט איין איינציגען מענשליכען לעבען, איז גלייך ווי ער וואלט דערהאלטען א גאנצע וועלט, און ממילא, ווער עס ברענגט אום איין איינציגען מענשליכען לעבען, איז גלייך ווי ער וואלט אומגעבראכט א גאנצע וועלט".

רוים בעטראכט דעם שטאאט אלס גאט. זיינע פארשטעהער, די צעזאר'ס, זענען געטער נישט בלויז ביי זיך אין זייערע אויגען, נאר אויך אין די אויגען פון זייערע אונטערטאנען.

ירושלים וויל נישט וויסען פון שטאאט אלס גאט. דער יודישער קעניג איז בלויז א שליח פון גאט, א „גאט'ס געזאלבטער", וואס דארף געהן אין גאט'ס וועגען. קוים געהט ער אראב פון „דרך הישר" און טהוט נישט „וואס איז גערעכט אין די אויגען פון גאט", ווערט „די הערשאפט פון איהם אבגעריסען". רוים בעטראכט דעם שטאאט אלס גאט; ירושלים בעטראכט גאט אלס דעם שטאאט. און טאמער האט זיך ביי יודען געפונען א קעניג, ווי הורדוס דער גרויסער, וואס האט געוואלט געהן אין די וועגען פון די רוימישע צעזאר'ס, איז ער פון די יודען פערשריגען געווארען אלס רשע-מרושע און „שלעכטער שקלאף" („עברא בישא").

רוים בעטראכט מאכט אלס רעכט.

ירושלים בעטראכט רעכט אלס מאכט.

צוויי געגענזעצטע לעבענס פילאזאפיען, וואס קענען נישט לעבען אין שלום צווישען זיך...

* * *

פאר א קורצער צייט האט עס אויסגעוויזען, אז מיט דעם זיג פון טיטוס'ן, וואס האט געפיהרט צו דעם פאל פון ירושלים און צו דער פערניכטונג פון דעם יודישען מלוכה-לעבען, איז איינמאל פאר אלע מאל בעשטעטיגט געווארען דער פולשטענדיגער זיג פון רוים איבער ירושלים. רוים, ווייניגסטענס, האט אזוי געגלויבט. און אום צו מאכען איהר זיג זיכער, האט רוים שפעטער אפילו געפונען פאר פאסיג צו בייטען דעם נאמען פון ירושלים. נישט מעהר ירושלים, נאר „אעליא קאפיטאלינא" זאל זי זיך רופען. נישטא מעהר, הייסט עס, קיין ירושלים...

האבען אבער די זינרייכע רוימער געהאט א טעות אין זייער חשבון. אעליא קאפיטאלינא איז פערגעסען געווארען. ירושלים איז געבליבען. די רוימער האבען בעזיגט און צושטערט די שטאדט ירושלים, אבער זיי איז נישט געלונגען צו פערניכטען איהר גייסט. זיי האבען צעשטערט די „ירושלים של מטה". אבער עס איז זיי געבליבען די „ירושלים של מעלה", צו געברויכען אנ'אלט מאדישען אויסדרוק.

עס האט גענומען נישט לאנג, סך הכל א פאר הונדערט יאהר, און די גרויסע, מעכטיגע רוימישע אימפעריע האט געמוזט בויגען איהר שטאלצען קאפ פאר דעם גייסט פון ירושלים, ווי

וואס געהערט, וואס געזעהן.

באלד ביים אנהויב זאג איך, אז טאמער ריכט איהר זיך צו דערוויסען פון מיר דאס, וואס איך האב געהערט און געזעהען אין די טעג פון שבת, זונטאג און מאנטאג וועט איהר זיך ענטוישען, ווייל איך האלט זיך ביים פרינציפ, אז דאס, וואס ס'איז פאר יעדען בעוואוסט, דערצעהל איך נישט. דאס העכסטע קאן זיין, אז איך וועל אייך דערצעהלען „קליינינגקייטען" ארום דעם אלעם, אבער וועגען דער עיקר המעשה קיין איין ווארט נישט. וואס? עס געפעלט אייך נישט? קאן איך מיר נישט העלפען. מיר אליין געפעלען אויך נישט פיעל זאכען און פונדעסטוועגען מוז איך האלטען די צינג צווישען די צייהן...

ליל שמורים...

דער גורל האט געוואלט, אז פונקט דאמאלס, איהר ווייסט שוין ווען, זאל איך זיך געפינען אויף דער נארוטאוויטשא גאס, אין הויז נומער 36, און ווען איך האב געוואלט אהיימגעהן, איז שוין געווען צו שפעט. לאין ברירה האב איך געמוזט דארט קריאת שמע לייענען... נאר ה'ות ווי קיין בעקוועם געלעגער האב איך נישט געהאט און איבערהויפט איז אין יענע נאכט דארט אויף דער נארוטאוויטשא גאס געווען א גערודער, עפיס האט מען יעדע פאר מינוט געהערט בענומענע קולות, דאן א געבראזגעריי, אזוי ווי מען וואלט געקלאפט אין טויבען אדער אין זאלוזיעס, האב איך נישט געקאנט בשום אופן שלאפען און בין וואך געווען. אומעטיג איז מיר אבער נישט געווען, מחמת איך האב געהאט שכנים, וועלכע האבען מיר געזעלשאפט געלייסטעט. נו, זענען מיר טאקע א מאן 12 געזעסען א גאנצע נאכט און זיך „געוויילט" אונטער די קלאנגען פון דער אזוי יעצט מאדערנער מוזיק... געשטערט צו הערען די „מוזיק" האט נאר א קליין קינד, וואס א שכנ'טע האט מיטגעבראכט צו גאסט. די לעצטע מינוט האט א שכן א קריסט, מיט'ן נאמען אפאלקע, אריינגעבעטען די שכנ'טע מיט'ן קינד צו זיך און זיי געלייגט שלאפען, וואס מיר האבען טאקע בעוואונדערט און מיר זענען באמת געווען דאנקבאר דעם איידעלען קריסט, וועלכער האט אין א גרויסער נויט ארויסגעוויזען מענשליכע געפיהלען.

דער איבריגער עולם איז אבער ווייטער געבליבען זיצען אדער שטעהן א גאנצע נאכט און זיך צוגעהערט צו די ווייטע (ווילדע) אבקלאנגען, וועלכע האבען זיך געטראגען פון נאהנט און ווייט. יעדער שארף אדער קלינג ביים טויער האט אזוי ווי טייערע מוזיק אבגעקלינגען אין אונזערע הערצער...

איבריגענס בין איך נישט מחויב צו דערצעהלען אלץ, וואס מיר האבען אדורכגעלעבט יענע נאכט און ווי אזוי מיר האבען זיך געוויילט, א פאקט איז, אז מיר האבען געהאט די אמת'ע ליל-שמורים...

די מילך איז גערינען געווארען...

קוים דערלעבט, אז עס זאל טאג ווערען, האבען מיר באלד בעקומען דעם ערשטען גרוס פון דער יודענע, וועלכע האט געברענגט מילך. באלד אבער ווי די יודענע האט אונז אנגעהויבען צו דערצעהלען וועגען די פערשידענע „זאבאוועס" פון דער פערגאנגענער נאכט, איז מאמענטאל די מילך, וועלכע מיר האבען זיך נאך אנגעטרינקען פון דער מוטערס בריסט, גערינען געווארען...

קיין „שניי" איז נישט געווען.

ווען איך בין ארויס אין גאס, האב איך געטראפען בולט'ע סמנים פון דער נאכט-פערוויילונג. דהיינו, איך האב אויפ'ן גאנצען וועג געפונען אזעלכע דראבנע פיצעלעך, וואס האבען אפילו אויסגעזעהען ווי גלאז, נאר ס'האט אוודאי געמוזט זיין קאנפעטי... דערפאר אבער איז קיין „שניי" נישט געווען. כאטש ס'האט געשטורעמט און געדונערט פונקט אזוי ווי דאס איז געווען ערשט נישט לאנג אין אנ'אנדערער שטאדט אין פוילען. נאר טראץ אלעם, איז ביי אונז קיין שניי פארט נישט געווען...

ער נוצט אויס די קאניונקטור...

בימיט ההם אין די טויערען פון דער ערשער אלעע, האבען זיך פערזאמעלט די שכנים פון הויף, וועלכע האבען געפינען פאר פאסיגער אין אזא צייט בעסער נישט צו געהן אין גאס אריין. זיי האבען צוגענומען דעם שליסעל פון סטרוזש און אליין געווארען די נטורי-השער און יעדעס מאל, ווען עמיצער פון גאס איז אנגעקומען, האט ער געמוזט זאגען, ווער ער איז און דאמאלס האט מען איהם אריינגעלאזט. מאכט זיך א מעשה זונטאג פארמיטאג בעת די אלעע איז געווען פול מיט שפאצירענדע, וועלכע זענען געגאנגען אנקוקען דאס בייזע וואונדער, קלאפט מען דערוויל אין טויער. ווער איז? איך-הערט זיך א יונג שטימעלע-און באלד פאלט אריין א יונגעל מיט א קויש אין דער האנד, אין וועלכען ט'האבען זיך געפונען בינטלעך רעטעך און בייגלעך מיט קארשען. דער עולם איז צוגעלאפען צו די פראדוקטען און כהרף עין איז אלץ געווארען אויסגעקויפט, נאר צו דאפעלטע פרייזען. דער קליינער יונג, וועלכער האט זיך איינגעשטעלט דאס לעבען און געקומען מיט פראוויאנט האט אויסגענוצט די קאניונקטור...

א שלעכטע שמירה...

ס'איז דאך נאריש, א מענש קאן דאך האבען א טעות, איז בעת ס'איז פארגעקומען די „פערוויילונג", האבען א סך, וועלכע האבען ליידער נישט די זכייה צו זיין קיין סעמיטען, ארויסגעשטעלט אין די פענסטער הייליגע פילדער, וואס האט געדארפט דינען אלס א סגולה, און דעם אמת מוז מען זאגען, אז דאס האט טאקי פיעל מיטגעהאלפען, אז די גלעזער זאלען ביי זיי שפעטער נישט דארפען האבען קיין ארבייט, מיט דער דאזיגער המצאה האט זיך אויך בענוצט א געוועזענער יוד און היינט אריין-נ'ארישער, א געוועזענער ד"ר וו. איהם האט עס אבער נישט געהאלפען, ביי איהם, זיינע שויבען זענען דווקא יא בעהאנדעלט געווארען ווי יודישע, ס'האט אפילו נישט געהאלפען די דאזיגע שמירה...

צו דעם דארף מען האבען א „כח"...

זונטאג אינדערפריה, בעת איך האב געמאכט א שפאציר איבער דער שטאדט, געקוקט אויף רעכטס און לינקס, געצעהלט ווי יענע יודענע אין דער שוהל די שויבען, זעה איך ביים טויער ווארשעווער 21 א שטאדטישען אויטאבוס און יודישע יונגעלייט פארען זיך ביי איהם. איז מיר געווען א וואונדער, וואס זיי טהוען דא, צי מאכען זיי אנ'אויספלוג אין מיטען דערינען אדער אפשר ווילען זיי גאר אנטלויפען אזוי ווי דאס האבען געטהון עטליכע כלל-טהוער, נאר באלד האב איך זיך דערוואוסט, אז דאס פאהרט אב קיין וויעלון די ספארט-דרוזשינע פון „הכח" שפילען א מעטש מיט דעם ארטיגען פאליציי-ספארט-קלוב.

אזא מזל האט ער שוין...

מיט עטליכע יאהר צוריק איז געמאלדען געווארען, אז יאנאס טורקאוו

ער, דער דאזיגער גייסט, האט זיך אויסגעדריקט אין אנ'עטוואס קארומפירטער פארם אין דעם קריסטענטום. שטאלצע רוים איז געלעגען פאר די פיס פון יודישען סטאליער פון נצרת. אמת, זי האט זיינע לעהרען קארומפירט איהם אליין האט זי דערהויבען צו דער מדרגה פון א גאט, אבער דאס ענדערט נישט דעם פאקט, אז רוים האט זיך אונטערגעגעבען...

ירושלים האט געהאט א זיג איבער רוים, אבער דער זיג איז ווייט נישט געווען קיין פולשטענדיגער. אין די טיפענישען פון איהר הארצען איז רוים געבליבען רוים. אפשר איז אין דעם שולדיג דאס קריסטענטום, וואס איז איינגעגאנגען אויף צופיעל פשרות מיט'ן אלטען פאגאניזם און מיט זיין גייסט. רוים האט כלומרשט אנגעטהון א יודישע זשופיצע, אבער היגטער דער זשופיצע איז געבליבען די אלטע רוים.

איז די מלחמה צווישען רוים און ירושלים אנגעגאנגען, אמאל אין א שטארקער און אנ'אנדערט מאל אין שוואכערער פארם פון צייט צו צייט ווערט דער קאמף אבגעפרישט און בעגייט.

איצטער, אין אונזער צייט, אין א צייט פון דיקטאטארס און דיקטאטורען, פערנעמט דער שטאאט ווידער אמאל דעם אויבען-אן. דער שטאאט איז אלץ; דער איינציגער איז גארנישט. די דיקטאטארס ווערען פערגעטערט, פונקט ווי לאנג צוריק די רוימישע צעזאר'ס. רוים (איך מיין נישט מוסאליניס רוים; איך מיין דעם סימבאל „רוים") איז אויפגעשטאנען תחית המתים און פיהרט מיט נייע כוחות א פערביטערטען קאמף געגען אלץ, וואס ירושלים שטעלט מיט זיך פאר.

רוים איז מעהר רוים. אליין היטלער'ס דייטשלאנד איז אויך רוים און נאך אפשר מעהר רוים ווי רוים אליין. דער קאמף פון רוים ווערט איצטער נעפיהרט נישט בלויז געגען יודען און יודענטום, נאר אויך געגען יענעם האלב-פרעמדען, האלב-אייגענעם נעוויקס, וואס איז ארויסגעוואקסען פון יודענטום. עס איז א קאמף נישט בלויז געגען יודען און יודענטום, נאר אויך געגען קריסטענטום.

רוים קעמפט געגען ירושלים, און פון דעם אויסגאנג פון דעם דאזיגען קאמף הענגט אב דער שיקזאל פון דער מענשהייט.

וועט עס זיין רוים אדער ירושלים?

חשבונות וועגען דער יודישער צוקונפט

צי געהט דאס יודישע פאלק אונטער? אייגענטליך איז דאס גאר קיין פראגע נישט, אויב מיר זאלען גלויבען די פעסימיסטישע נביאות, וואס מיר הערען שוין א היבשע צייט... דאכט זיך, אז די „נבואה" וועגען אונטערגאנג פון יודישען פאלק האט שוין א בארד, איז שוין באלד אזוי אלט ווי דאס יודענטום גופא. אין פערשידענע צייטען פון אונזער גלות-לעבען האבען מיר ווידער און אבער געהערט די פערזיכערונג—סיי פון יודען, סיי פון פרעמדע—אז דאס יודישע פאלק געהט אונטער. כסדר זאגט מען אונז אב דאס לעבען.

אבער דער יוד הערט אויס די שווארצע נבואה און מאכט זיך נישט וויסענדיג. ווייזט אויס, אז מיר וועלען שוין אזוי אייביג „אונטערגעהן". דורך דער צייט, וואס מיר געהען אונטער, זענען פערשוואונדען פון דער ערד מעכטיגע אימפעריעס, גרויסע און שטארקע פעלקער, אשור, בבל, די רוימער, די גריכען און ווער קען זיי דאס אלעס אויס רעכענען און מיר—מיר לעבען ווייטער, בעניי׳ען זיך און בעפרייען זיך, שאפען נייע גרויסע קולטור ווערטען, גיבען ארויס נייע גאונים—און אזוי ארום דעמאנסטרירען און מאניפעסטירען מיר כסדר אונזער אומגעהויערע וויטאליטעט, אונזער האפט און קראפט, מח און כח.

נאר... דאס מאל איז די וועלט אלארמירט געווארען וועגען אונטערגאנג פון יודישען פאלק דורך דער בעריהמטער קאלומביא-אוניווערזיטעט אין ניו-יארק, איינע פון די וויכטיגסטע אוניווערזיטעטען אויף דער וועלט.

די דאזיגע אוניווערזיטעט האט איצט ארויסגעגעבען א ווערק אין דריי בענדער פון פראפ. סאלא באראן, וואו דער אויטאר, אנ'אנגעזעהענער געלערנטער, שטיצט די „נבואה" וועגען יודישען אונטערגאנג אויף ציפערן, אויף סטאטיסטישע טאבעלען. בקיצור, דאס איז נישט סתם א „נבואה", נאר א „וויסענשאפטליכע אבהאנדלונג".

אין דעם ווערק, וואס טראגט דעם נאמען: „די סאציאלע און רעליגיעזע געשיכטע פון די יודען", בעווייזט דער אויטאר, אז דער נאטירליכער צוזוואקס—דורך געבורטען—האט זיך ביי יודען שטארק פערקלענערט. צו דער דאזיגער צרה קומען צו נאך צוויי צרות; געמישטע חתונות און זעלבסטמארדען. צוזאמען גראבען זיי אונטער די יודישע עקזיסטענץ. אויב דאס זאל אזוי אבהאלטען נאך פיער אדער פינף צעהנדליג יאהר, איז דער קיום פון יודישען פאלק אין דער גרעסטער געפאהר.

דער פראפעסאר ווייזט אן, אז זינט חורבן בית-ראשון איז דאס יודישע פאלק נאך נישט געשטאנען פאר אזא סכנה. דער פאקט, וואס יודען און יודישקייט זענען אזוי לאנג לעבען געבליבען נישט געקוקט אויף די אונגעהויער שווערע אומשטענדען, קאן אפשר שטארקען די האפנונג פון איצטיגען יודישען דור, אז אויך דאסמאל וועט זיך דאס יודענטום ארויסדרעהען פון דעם אפענעם תהום, ווארום דער לעבענס כח און אויסדויער אין משך פון איבער דריי טויזענד יאהר האט דאס יודישע פאלק פערוואָרצעלט אין דעם לעבען פון דער דאזיגער וועלט אלץ טיפער און אלץ פערמאנענטער".

„אבער איצט איז נויטיג א גאנץ נייער בליק אויף דעם אנקומענדיגען ענטשיידענעם קאמף פאר עקזיסטענץ"— זאגט פראפעסאר באראן.

„איבערהויפט איז די געפאהר גרויס אין א סך מערב-אייראפעאישע קהלות, וואס בעשטעהען דאס רוב פון רייכע און גאנץ אסימילירטע יודען. אין יענע לענדער איז די צאהל פון יודישע געבורטען געפאלען אהן אנ'ערך נידעריגער ווי די צאהל געבורטען ביי דער נישט יודישער בעפעלקערונג".

„אין פרייסען, למשל, איז זינט 1905 פארגעקומען א כמעט כסדר'דיגע פערקלענערונג פון געבורטען. ווען נישט דער פאקט, וואס אהין האבען איינגעוואנדערט יודען פון אנדערע לענדער, וואלט שוין דארט געווען א שוואכער סימן פון יודישער עקזיסטענץ. אויך אין מזרח אייראפע, יעדענפאלס אין די גרעסערע שטעדט איז דער צוזוואקס פון דער יודישער בעפעלקערונג געבליבען ווייט הינטערשטעליג הינטער דעם צוזוואקס פון דער קריסטליכער בעפעלקערונג. סאוויעט רוסלאנד, וואס ווייזט נאך אלץ ארויס א זעלטענע קראפט פון פרוכטבארקייט, האט אין יאהר 1926 געהאט אנ'אלגעמיינעם צוזוואקס פון 23,3 אויף יעדע טויזענד איינוואוינער, בעת דער יודישער צוזוואקס האט בעטראפען אין יענעם יאהר בלויז 14,97 אויף יעדע טויזענד יודען".

„כמעט אומעטום אין מערב-אייראפע — זאגט פ"אפ. באראן ווייטער — ווערט די צאהל יודישע געבורטען כסדר קלענער ווי די צאהל טויט - פאלען. דערצו קומט נאך צו די פערמעהרונג פון געמישטע חתונות, וואס דאס איז שוין לאנג געווארען א דראהענדיגער סימפטאם".

„פונקט אזוי זענען זעלבסטמארדען געווארען א פאקטאר פון ביאלאגישער וויכטיגקייט אין יודישען לעבען".

"בקיצור, די יודען, וועלכע האבען אין פעריאד פון מערב-אויסברייטערונג פערנומען דאס ערשטע ארט אין צוזוואקס לויט דער צאהל, ווייזען ארויס אצינד, אינ'ם פעריאד פון אלגעמיינער אבשוואכונג, א מהר הינטערשטעליגען צוזוואקס ווי וועלכע ס'איז אנדער פאלק. אפילו פראנקרייך, וואס האט זיך קונה שם געווען מיט איהר קינדערלאזיגקייט האט נאך אלץ 17 געבורטען אויף יעדע טויזענד איינוואוינער, בעת פיעל יודישע קהלות אין מערב אייראפא האבען בלויז 10 — און נאך וועניגער אויף יעדע טויזענד יודישע נפשות".

פראפעסאר באראן גיט נישט קיין שום עצות, ווי צו פערגרעסערען די צאהל יודישע געבורטען, אדער ווי צו פערמיידען געמישטע חתונות און זעלבסטמארדען, נאר קאנסטאנטירט פאקטען און די פאקטען, ווי געזאגט, בעזירט ער אויף סטאטיסטיק.

צום גליק לעבט אבער קיין שום פאלק נישט על-פי סטאטיסטיק – בעזונדערס נישט דאס יודישע פאלק, וועמענס היסטארישער קיום איז באזירט אויף איבערנאטירליכע, געטליכע כחות.

אין פערלויף פון דער געשיכטע איז אונזער צאהל פיעל מאל געפאלען און זיך געהויבען. אין טייל פעריאדען פון אונזער געשיכטע זענען מיר איינגעשרומפען געווארען צו א קלענערער צאהל, ווי עס געפינט זיך איצט אין איין יודישע" קהלה פון די פאראייניגטע שטאטען. ביסלעכווייז זענען מיר צוריק געוואקסען, ווי יענער לעגענדארער ריז אין איינעם פון אנדערסענס מעשה'לעך.

דער פאקט איז, אז קיינמאל אין פערלויף פון אונזער קיום זענען מיר נישט געווען אזוי צאהלרייך, ווי מיר זענען אין דער איצטיגער צייט און דעריבער דארף אונז פראפ. באראנ'ס שווארצע נבואה נישט אבשרעקען, כאטש זי איז געבויט אויף ציפערן, בפרט, אז ציפערן קען מען אויך פערשידען טייטשען. דאס הייסט נישט, אז מיר דארפען נישט בעקעמפען די געפאהרען אויף וועלכע דער געלעהרטער ווייזט אן, אבער פון אונטערגאנג איז עס, ברוך - השם, זעהר זעהר ווייט...

א—י.

Dr. med.
A. WOLBERG
choroby skórno-weneryczne
przeprowadził się
i ordynuje od 4–6 po poł.
Aleja Wolności № 13
II piętro tel 13-67.

מיט זיין אנסאמבל וועט גאסטראלירען אין טשענסטאכאוו, באלד זענען די בילעטען אויסגעקויפט געווארען ביז איינעם. די לעצטע מינוט אבער, ווען ס'האבען געדארפט פארקומען די פארשטעלונגען, איז עפעס געשעהן א מכשול און די אויפטריטען זענען נישט פארגעקומען.

אויך דאסמאל איז צו אונז אראבגעקומען יאנאס טורקאוו, דיאנא בלומענפעלד מיט זייער אנסאמבל און אויך דאסמאל האט זיך געוויזען, אז זיי וועלען האבען ערפאלג. נאר פונקט אין טאג פון דער פארשטעלונג האט זיך געמאכט דאס ספעקטאקל, אזוי אז זייער אויפטריט האט שוין נישט געהאט קיין זין.

איבריגענס, איז די פארשטעלונג, וואס איז פארגעקומען אין גאס, געווען שטארקער און עמאציאנעלער, ווי די פארשטעלונג פון די יודישע ארטיסטען.

סיי-ווי יאנאס טורקאוו האט שוין צו אונז אזא מזל...

ער האט בעקומען א גאנצע קראם סחורה דורכ'ן פענסטער...

שבת, בעת די „זאבאווע" איז פארגעקומען אין דער צווייטער אלעע האט דעם עולם, ווי ס'מאכט זיך אמאל, אויסגעפעהלט שטיינערנע מכשירים און זיי האבען אבער דאס נויטיג געהאט, ווארום אויפ'ן ערשטען שטאק, וואו מען האט געוואלט אויך מהנה זיין די איינוואוינער, האט מען מיט קיין הילצערנע כלים נישט געקאנט דערגרייכען. טא וואס טהוט מען. מען ווצט דאך די הערליכע שויבען פון ערשטען שטאק נישט פערשעמען, האבען זיי געפונען אנ'אריגינעלע עצה: היות ווי אין אפטייק סקלאד פון „מעדיקאל", אלעע 31, געפינט זיך א גרויסער אויסוואהל פון טערמאסען עלעקטרישע לעמפלעך און נאך אזעלכע „קליינינקייטען". האבען זיי גענומען דאס אלעס און עס אריינגעווארפען דורכ'ן פענסטער אויפ'ן ערשטען שטאק און אין א קורצע צייט ארום האט דער דאקטאר ק. בעקומען דורכ'ן פענסטער א גאנצע קראם...

זיי האבען ערליך פערדינט זייער ברויט...

פון דער שבת'דיגער פערוויילונג איז געבליבען אין די גאסען פון דער שטאדט א סך צובראכען גלאז. ס'פערשטעהט זיך, אז דאס האט אביסעל געשטערט דאס עסטעטישע אויסזעהן פון דער שטאדט, האבען זיך געפונען בעלנים, זאגאר קליינע שקצימלעך, און האבען דאס גלאז צונויפגעקליבען אין זעק, כדי עס צו פערקויפען.

ווי מען שמועסט, וועלען די נייע גלאז „סוחרים" איינגעמען א שעהן ביסעל געלד, ווייל סחורה האט זיי נישט געפעהלט...

זיי האבען געטהון א זעהר נוטצע זאך, זיי האבען אבגערוימט די גאס פון די „נישט אנגענעהמע" איבערגעבליבענע ברעקלעך און גלייכצייטיג האבען זיי צוגעשטעלט סחורה די קוינים, אזוי אז מען קאן גאנץ דרייסט זאגען, דאס די יעניגע, וועלכע זענען געפאלען אויף דער המצאה צו זאמלען דאס גלאז און פערקויפען עס, האבען ערליך פערדינט זייער ברויט...

זיי ווילען, אז מען זאל זיי נישט משיג-גבול זיין...

די היגע יודישע גלעזער האבען א ריכטיגע טענה. זיי ווילען, אז מיטען אריינשטעלען די צרה'דיגע עטליכע טויזענד שויבען, זאלען זיי זיך נאר בעשעפטיגען. ווען ס'זענען אנגעקומען עטליכע גלעזער פון דער ארומיגער געגענד און אויך געוואלט פערדינען א פאר גראשען, האבען די היגע גלעזער זיי נישט צוגעלאזט. הכלל, ס'איז געווען א דין תורה, אויף וועלכען די היגע גלעזער האבען בעגרינדעט זייער בעשלוס דערמיט, וואס אין דער איצטיגער צייט, קאן זיין געגוג ארבייט פאר די יודישע גלעזער אין זייער'ע היימשטעדט און מען דארף נישט וועלען אוועקנעמען ס'ברויט ביי אנדערע.

דער דין תורה האט טאקי ארויסגעגעבען א פסק, אז היות ווי יעדעס יודישע שטעדטיל איז, אויב נישט גלייך איצט, יעדענפאלס איז א האפנונג צו האבען געגוג א בייט פאר גלעזער, טאר איינער דעם אנדערן דעריבער נישט משיג גבול זיין...

אין פייער און אין וואסער...

אויפ'ן דריטען טאג פון דער „פערוויילונג" האט מען צווישען אנדערע אטראקציעס זיך אויך געשפילט מיט פייער-אילומינאציעס און וואסער-פראבעס. אזוי האט מען אויף דער בריק, וואס טיילט אב די שטאדט פון דער פארשטאדט זאוואדע אנגעלייגט א פייער און ארויפגעווארפען האט מען אויפ'ן פייער אלטע ביכער, וועלכע זענען אנגעשריבען געווארען העט-העט מיט א סך הונדערטער יאהרען צוריק און האבען זיך געפינען אין שטאדטישען בית המדרש.

דאס פייער האט געברענט, די ביכער (ספרים) האבען זיך געשמאלעט און דער עולם האט געטאנצט ארום דעם פייער און זיך אזש פערכלינעט פאר פרייד. שפעטער האבען זיי אויך גענומען די אלטע ביכער (יודען זאגען אפילו, אז דאס זענען הייליגע ביכער) און זיי געלאזט אויפ'ן וואסער. זיי האבען דוקא געוואלט זעהען צו זיי קאנען שווימען. און אויך ביי דער דאזיגער אטראקציע האט דער ארומיגער עולם שטארק אנגעקוואלען.

אזעלכע פייער-אילומינאציעס זענען נאך פארגעקומען אין אנדערע מקומות, ווי אויף רוג גארנצארסקא-מיראווסקא. דיזבודקע פון מלחמה אינוואליד קאוויען אין דער ערשטער אלעע, דער האלץ פלאץ פון די ברידער לעוועק און אזוו. אזוו.

וואס שייך צו זאגען, די פערוויילונג איז געווען א פולשטענדיגע און צווישען אנדערע איז אויך געווען א שפיעל אין פייער און אין וואסער...

זיי האבען געוואלט דעם „לא תרצח" פערניכטען...

בשעת הוה, בעת דער עולם איז געווען בעגייסטערט פון דער הערליכער אויסטערלישער זאבאווע, האבען זיי געוואלט אנקריגען די פארמעטענע ספרים, וועלכע יודען רופען ספרי תורות, און געוואלט זיי פערניכטען. זענען זיי טאקי אריין אין בית המדרש, אויפגעריסען דאס ארון הקודש און געזוכט. נאר הירשל שלימער דער שוהל-שמש האט פריהער געהאט די ספרי תורות בעהאלטען און נאר דערפאר איז געלונגען צו ראטעווען דעם „לא תרצח", וואס איז אויסגעקריצט אין די דאזיגע ספרי תורות מיט שווארץ פייער אויף ווייסען פארמעט.

דאס הייליגסטע ביים יודען

אויף דער ווארשאווער 186 האט געוואוינט אנ'ארימע פאמיליע טשארנע, האבען זיי שווער און ביטער געארבייט אויפ'ן שטיקעל ברויט, מקיים זייענדיג דעם פסוק: בזעת אפיך תאכל לחם. זענען אבער אונטערגעקומען די „פייערליכע" טעג האט מען זיך אויך דארט געווילט און שפילענדיג זיך האט מען דערווייל אהינגעווארפען 5-קילאדיגע שטיינער און צוהאקט דאס ארימע מעבעל, און כדי די פערוויילונג זאל זיין א פולשטענדיגע, ככתוב, האט מען גענומען קישענס און ארויסגעלאזט די פעדערען, וועלכע זענען געפלויגען איבער די גאס, פערשאפענדיג די צושויער א געוואלטיגען נחת-רוח.

קורץ, די טשארנעס האבען בעת דער פערוויילונג פערלוירען אלץ, וואס זיי האבען פערמאגט. איין זאך איז זיי אבער יא געלונגען אויסצובעהאלטען, פאר דער צעהוליעטער חברה און דאס איז א ספר תורה.

דער שרייבער פון די שורות צוזאמען מיט עטליכע פאך-קאלעגען האבען אליין געזעהן, ווי די דאזיגע אומגליקליכע יודען האבען זיך צומארגענס אראבגעלאזט אין א פינסטערען קעלער און מיט ציטערניש ארויסגעגעבען דאס ספר תורה, אז מען זאל עס אוועקפיהרען אין שטאדט אריין. די יודען האבען אונז פערטרויט דאס ספר תורה און אין זייערע אויגען האט געגלאנצט א טרעהר, וואס זיי איז געלונגען אבצוראטעווען דאס טייערסטע, דאס הייליגסטע ביי יודען.

ס'איז זיי געלונגען, די טשענסטאכאווער יודען...

ערשט אין פאריגען נומער פון אונזער צייטונג האבען מיר אלארמירט די טשענסטאכאווער יודען, הלמאי זיי גיבען זעהר וועניג פאר די בריסקער פאגראמירטע יודען. מיר האבען אנגעוויזען און מיט רעכט, או מיט יעדען גראשען, וואס מיר שטיצען אונטער בריסק, פראטעסטירען מיר געגען אזעלכע מעטאדען, וועלכע מען ווענדעט אן געגען אונז און גלייכצייטיג העלפען מיר צוריק אויפצובויען אונזער חרוב-געווארענע ווירטשאפט.

די טשענסטאכאווער יודען, פערשטעה איך, האבען זיך בעזונען, אז מיר האבען רעכט און זיי וואלטען מסתמא שוין איצט ברייט אונטערשטיצט די הילפס-אקציע פאר די בריסקער יודען, נאר פלוצים אזא מעשה, אז מען מוז נאר טראכטען פאר זיך.

יא, עס איז זיי געלונגען, די טשענסטאכאווער יודען...

לויתן

ז'ער חורבן.

א שטאָדטישען בית = המדרש

א שרעקליכ[ער] חורבן שטעלט מיט זיך פאָר דאָס [שטאָ]דטישע בית המדרש „אהל נחום".

מאנטאג [illegible] האבען זיך א מחנה כוליגאַנ[illegible] ארייננעקריגען, צעריסען דאָס [פ]רוכת, אויפגעבראָכען דאָס ארון קוד[ש illegible] צוהאַקט די טהירלעך און די גזימסע[ן illegible] צושמעטערט דעם אויוועז. דאַן [illegible] זיי פון די אויפגעבראָכענע שענ[illegible] גענומען די ספרים, זיי אנגעלייגט [illegible] א שייטער-הויפען און אונטערגעצ[ונד]ן, די איבעריגע ספרים האבען זיי ארי[ין]וואָרפען אין שכנות'דיגען טייך. זיי [האָ]בען אויך דעמאָלירט די איינריכטונג [illegible] צובראָכען די עלעקטרישע אינסטאַלאַציעס, די זשיראַנדאָלען, דעם נר-תמיד, צוגערויבט די בראָנז שטיקער און בכלל פון אלעם אויף א וואַנדאַלישען אופן געמאכט א תל.

ארום בית המדרש וואַלגערן זיך צוריסענע שטיקער שמות און צובראָכען מעבעל.

דעם זעלבען חורבן האבען זיי געמאכט אין שטאָדטישען שחט הייזעל, זיי האבען דעמאָלירט די גאַנצע איינריכטונג, אומגעוואָרפען דעם קאפעל אויוועז, ארויסגעטראָגען די שאַנק און ארייננגעוואָרפען אין וואַסער אריין און פון די איינריכטונגען געמאכט א פולשטענדיגע חורבה.

אין די שוהלען

די כוליגאַנ[ע]ן [הא]בען נישט געשוינט דאָס הייליגסט[ע פון י]ודען – די שוהלען און אין ביידע [illegible] דער נייער און אַלטער שוהל [זענ]ען אויסגעהאַקט געוואָרען הונדער[טער] שויבען, פון אינוועניג ווידער [illegible]יגדאַלען און לעמפּ. דאָס האַקען [illegible]בען אין די שוהלען האָט זיך איבע[illegible] כסדר אין פערלויף פון די עטליכע טעג. אין די שוהלען ליגען אויסער גרויסע שטיינער און ציגעל, מיט וועלכע די פענסטער זענען אויסגעהאַקט געוואָרען אויך אייזערנע פיס, וואָס זענען אָבגעריסען געוואָרען פון די בענק אין די אַלעען. דאָס אינווענינגסטע בילד פון די שוהלען וואָרפט אַן אויפ'ן צושויער א שרעקליכע אימה.

ס'ברענט...

די כוליגאַנ[illegible] האבען זייער מלאכה איסגעפיהרט [illegible] בלויז מיט קאַלט געוועהר, נא[ר] אויך גענומען מאכען אויף הייס. ז[ענע]ן טאַקי אין פערלויף פון די עטליכע [ט]עג „פלוצלינג" פאָרגעקומען שרפו[ת].

אויף עק מיר[אָ]ווסקא און גאַרנצאַרסקא האבען די ת[ו]רה לייט מאנטאג אין אָוונד אויפגעבראָכען די טהירען פון בערשטען-געוועלב. וואָס געהער צו דער אלמנה פ[illegible]מעט פראַנק, צוגערויבט קודם כל פאַר [ע]טליכע הונדערט זלאָטעס סחורה, בענ[illegible]ען די איבעריגע סחורה מיט נאַפט או[ן] בענזין און אונטערגעצינדען. ליגען טאַקי אין דאָזיגען געוועלב אָבגעס[מ]אַליעטע און טיילוויז פערברענטע ב[ע]רשטען, מיעטעלקעס און אנדערע סחור[ה] און די אינהאַבערין שטעהט אין [illegible] געמאכטען געוועלב און קלאָגט [illegible] איהר חורבן.

מעהר „מזל" האָט שוין געהאַט דער אינהאַבער פון האָלץ סקלאַד אויף וואַרשאַווער 18, קאַמיאַנער, וואו שבת צונאַכטס האבען די ברעטער פון זיין סקלאַד דערפיהלט נאַפט און באַלד דערנאָך איז אויסגעבראָכען א שרפה, וועלכע איז אבער אין א קורצער צייט פערלאָשען געוואָרען.

דערפאַר אבער האָט שטאַרק געליטען דער האָלץ-סקלאַד פון איצעק פוקס אויף אָלשטינסקא 8, וואו די שרפה איז אויסגעבראָכען מאנטאג 12 א זייגער ביינאַכט און דאָרט דערגרייכט דער שאָדען ביז 2 טויזענד זל.

אַן'אמת'ע „אילומינאַציע" אין מיטען דער ערשטער אַלעע איז געווען די ברענענדיגע פאַפּיראָסען-בודקע פון יודישען מלחמה אינוואַליד אברהם קאָוואַן.

פרובען פון אונטערצינדונגען זענען געמאכט געוואָרען אויך ביי אנדערע יודען, וועלכע זענען אבער מאָמענטאַל פערלאָשען געוואָרען.

אויף וואַרשאַווער 186

א שוידערלי[כ]ע בילד שטעלען מיט זיך פאָר די [וו]אוינונגען פון פישל טשאַרנע, זיין ברודער שמואל און פאַטער לייב. שוי[ן] צוקומענדיג צו זייער הייזעל, וועלכ[ע]ס געפינט זיך ווייט ארויף אויף ד[ע]ר וואַרשאַווער גאַס, אין א ריין קריסטל[יכע]ר געגענד, זענען אויפ'ן טראָטואַר און [illegible]עבען אין מיטען גאַס צוגעקלעבט [illegible] ברוק שטיינער הויפענס פעדערן. [וועל]כע לאַזען זיך אויף קיין פאַל [illegible]רייסען פון אָרט. אזוי ציהען זי[ך illegible] פעדערן פאַסען ביז צו די [illegible] וואוינונגען אין הויף. אין די קליינ[ע] שטיבלעך פון לייב טשאַרנע [illegible] אויס ווי נאָך אַן'ערדציטערנ[יש illegible] בעטגעוואַנד צוריסען, אזוי, [illegible] צובראָכענע און צעריסענע [illegible]יגען אויסגעמישט מיט די אויסג[illegible] פעדערן, דאָס אָרימע מעביל [illegible]ען, די שויבען אויסגעהאַקט, [illegible]נעס צושמעטערט און פון די [illegible] הענגען אראָב פון דרויסען, [illegible]ערשעמט, צובראָכענע לאַדענס. או[ן illegible] פאַדלאָגעס אין די שטיבען ליגען אַנגעוואָרפען שווערע העכער 5 קילאָ'דיגע שטיינער. דאָרט האבען די כוליגאַנעס זיך נישט בעגנוגענט בלויז מיט „אַרבייט" פון דרויסען, נאָר אריין אינווייניג און אַלעס דעמאָלירט. דערביי האבען זיי אויך נישט פערגעסען מיטצונעמען „שכר-טרחה" עטליכע צעהנדליגע זל. און מלבושים

דאָס זעלבע מורא'דיגע בילד זעהט מען ביי לייב און שמואל טשאַרנע, וואו מען האָט אפילו געריסען די פאַדלאָגעס און אויך דאָרט אויסער חפצים צוגערויבט 50 זל. מזומנים.

אָבגעטהון דאָס שטיקעל אַרבייט האבען די כוליגאַנעס אויך געזאָרגט, אז די טשאַרנע'ס, וועלכע זענען די אייגענטימער און איינציגע בעוואוינער פון דאָזיגען הייזעל זאָלען, אין א נויטיגען פאַל אפילו נישט האבען קיין ביסעל וואַסער און נאכדעם ווי זיי האבען די יודען צושלאָגען, האבען זיי אויך צוהאַקט דעם הויף-ברונעם און אהין אריינגעשיט פעדערן.

נעכטען אין די פאַרמיטאַג שעה'ן האבען כוליגאַנעס נאָך „אויסגעפערטיגט" אין דאָזיגען הייזעל דאָס, וואָס זיי האבען נאָך נישט בעוויזען אָבצוטהון זונטאג.

אויף נאַדושעטשנאַ 2

אַן'ענליך בילד, ווי ביי די טשאַרנע'ס שטעלען מיט זיך פאָר די וואוינונגען פון חנן מאַיאָרטשיק און איצ'ק זילבערגלייט. די שטוב מכשירים זענען צוהאַקט און פערניכטעט. דאָרט האבען די כוליגאַנעס געמאכט מאנטאג אין אָוונד א פולשטענדיגען חורבן, אנהויבענדיג פון די שויבען, פוטרינעס, לאַדענס און ענדיגענדיג ביי די שווערסטע מעבעל-שטיקער.

אויף מיראָווסקאַ 10.

צו דער ספּריע שוידערליכע בילדער פון די לעצטע טעג געהער די וואוינונג פון יוסף בער נאַכטיגאַל אויף מיראָווסקאַ 10–12. אין צוויי קליינע טונקעלע שטיבלעך ליגען אויסגעמישט צוהאַקטע מעבעל, צובראָכענע טעלער, ס'וואַלגערן זיך פערשידענע בעשעדיגטע שטוב-חפצים, ארום און ארום אויסגעשיטע שטרוי, די ווענד זענען אָבגעסמאַליעט און מ'פיהלט נאָך דעם ריח נאָך א ש פה. דאָס האבען כוליגאַנעס געמאכט א תל פון בידנעם יודישען פערמעגען און צום סוף עס אונטערגעצינדען. פריהער אבער האבען זיי צוגערויבט עטליכע שטיקלעך ווייסע לייוונט, אביסעל ניי בעטגעוואַנד, וועש א.ד.גל., וואָס איז געווען אַנ'אויסשטייער פאַר נאַכטיגאַל'ס טאָכטער, וועלכע האָט געדאַרפט בקרוב חתונה האבען.

קריסטען, וועלכע האבען אָבגעראַטעוועט בעדראָהטע יודען.

פערהאַן אויך געווען קריסטען, וועלכע האבען זיך איינגעשטעלט פאַר זייערע יודישע שכנים בעת די צווישעטע באַנדעס זענען אהינגעקומען „אויף אַרבייט". אזוי האבען אויף דער וואַרשאַווער 177 צוויי קריסטליכע אַרבייטער פון דער „מעטאַלורגיע" – מאַסטאַלעזש און בוגיי, ענערגיש זיך אַקעגענגעשטעלט די כוליגאַנעס, ווען יענע האבען אויסהאַקענדיג די שויבען מיט די פוטרינעס אין די יודישע וואוינונגען, געוואָלט אריין אינעווייניג, כדי די „אַרבייט" צו פערפולקאָמען. די דערמאָנטע אַרבייטער האבען מיט אַלע כוחות פון דאָרט אוועקגעטריבען די כוליגאַנעס.

אויף גאַריבאַלדי 8 האָט זיך אוועקגעשטעלט פאַר'ן טויער דער קריסטליכער הויז-איינגענטימער קאָוואַלסקי און בעת א מחנה כוליגאַנעס איז אהין אַנגעקומען האָט ער זיי געדראָהט מיט טרויריגע פאָלגען, אויב זיי וועלען זיך וואַגען שלעכטס צו טהון זיינע יודישע לאָקאַטאָרען. זענען טאַקי די כוליגאַנעס אוועק פון דאָרט אָהן א שטאָך אַרבייט.

ענליכע פאַלען פון אָבראַטעוועטען יודען דורך איינצעלנע קריסטען זענען געווען מעהרערע.

פערבאָטען צו פערקויפען אַלקאָהאָל

די סטאַראָסטוואָ האָט צונויפגענומען דעקלאַראַציעס פון אַלע אייגענטימער פון די היגע בראָנפען געוועלבער, סיי קריסטען, סיי יודען, ווי אויך פון די אייגענטימער פון רעסטאָראַנען, וועלכע האבען זיך פערפליכטעט, ביז צום אָברופען, נישט צו פערקויפען קיין שום אַלקאָהאָל-געטראַנקען.

BILANS NETTO

Banku Spółdzielczego Przemysłowców i Kupców w Częstochowie

Bilans netto na dzień 1 stycznia 1937 r.

STAN CZYNNY		
Kasa	60,234.99	
Bank Polski	55.556.03	
P. K O.	87.286.69	
Koresp. Nostro - Banki	140.747.09	343824.80
Waluty zagraniczne		192 50
Papiery procentowe		3.378.—
Weksle zdyskont,—portfel	546.535.59	
„ „ u koresp.	44.383 02	
„ zredyskontowane	64·433.75	655352.36
Pożyczki wekslowe—portfel		72.455.40
Korespondenci-Loro		181.516.41
Protesty dyskontowe		12.143.09
Koszty zwrotne		739.49
Ruchomości	3.562.89	
Nieruchomości	216,748.12	220311.01
Należności wątpliwe		1.451.46
		1.491.364.52
Inkaso weksli i dokument. portfel	447 788.62	
Inkaso weksli i dokument. u koresp.	113.297.28	561085.90
Depozyty		132.070.—
		2.184 520.42

STAN BIERNY		
Kapitał udziałowy	96 510.91	
„ zasobowy	115.460.04	211970 95
Fundusz Żelazny Inkasowy		1.809.30
Amortyzacja Nieruchomości		32.121.80
Udziały do wypłacenia		9.714.93
Wkłady	835.075.48	
Bieżący Czekowy	210440 92	1045516.40
Sumy Przechodnie		3.980.29
Należności w Wal. Zagr.		192.50
Redyskonto		64.433.75
Zobowiązania Inkasowe		67.501.23
Długi Hipoteczne		7.594.58
Procenty na r. nast. 1937		10.955 75
Zysk za 1935 r.	1.790 06	
„ za 1936 r.	33.782.98	35.573.04
		1491364.52
Różni za Inkaso—weksle	519.960.31	
„ „ „ frachty	41.125.59	561.085.90
„ „ Depozyty	5.270.—	
Min. Skarbu Del. 3% Pr. Poż. Inw.	126.800.—	132.070.—
		2184 520.42

Rachunek strat i zysków za 1936 r.

Procenty i prowizja zapł.		72.972.91
Koszty Handlowe		68.951.56
Spisane straty	1.438.88	
„ „ na Pap. Proc. własne	1.445.—	2 883.88
10% Amortyzacji Ruchomości od zł. 16.220.17	1.622.02	
3% Amort. Nieruchomości od zł. 216.748.12	6.502.45	8.124.47
Zysk do dysp. Waln Zgrom.		35.573.04
		188.505.86

Saldo na 1.I 1936 r.	1.790.06
Pobrane proc. i prowizje	179.096.46
Zwrot spisanych strat	290.02
Dochód z nieruchomości	7329.32
	188.505 86

Prezes Zarządu MAURYCY NEUFELD
Vice-Prezes Zarządu JOACHIM WEKSLER
Członek Zarządu i Dyr. Banku STANISŁAW PRUSICKI

Buchalter: H SZPERLING

BESKIDY

PENSJONAT SIELANKA R. FRENKLOWEJ

Bystra, koło Bielska.

Położony obok lasu poleca się na sezon letni. Woda bieżąca, kanalizacja, kąpiele ciepłe i rzeczne, taras, telefon № 24, radjo i t. p.

Informacje z grzeczności u Scheina, Kilińskiego 16, tel. 20-42.

גנז. „לינת הצדק".

זונטאג, דעם 27 ד. ח. 11 פאַרמיטאָג אין ערשטען טערמין און 12 מיטאג אין צווייטען טערמין וועט פאָרקומען

די אַלגעמיינע פערזאַמלונג

מיט פאָלגענדען סדר-היום:

1) ערעפנונג, 2) וואַהלען פון פרעזידיום, 3) בעריכט פאַר'ן יאהר 1936, 4) פּרעלימינאַר אויפ'ן יאהר 1937, 5) וואַהלען פון א פערוואַלטונג און רעווידיר-קאָמיסיע, 6) פריייע פאָרשלאָגען.

Szkoła Rzemieślniczo-Przemysłowa

dla Żydów

w Częstochowie, Garncarska № 6/8.

podaje do wiadomości, że zapisy przyjmuje od dnia 15-go maja b. r. do oddz.: ślus. mech. i stolarskiego.

Ilość miejsc ściśle ograniczona.

Kancelarja czynna od godz. 9—14-ej.

אביטוריענטען פון דער פאָווסעכנע שולע נומער 13.

די פאָווסעכנע שולע נומער 13 האָבען היי-יאָהר געענדיגט פאָלגענדע שילערינס:

אָוונער לעאָנטינאַ, בוימאַן העינדיל, ביבער עטיל, ציכטיגער מרים, דזיאַלאָווסקא אסתר הדס, פיש שפינצאביילא, פרידמאַן גאָלדא, גערשאָנאָוויטש יהודית, גליקסמאַן שרה, גליקסמאַן יוכבד, גאָמולינסקא חנה, הערשליקאָוויטש קיילע, איזראָעלאָוויטש גיטל, קלוג צפורה, קאָפּלאָוויטש רחל גאָלדע, קאָזשוך שרה, לאַכמאַן ח ה, ליפשיץ איידל, לובינסקא איטע, מיכאַלסקא פעלאַ, ראָזענבערג רבקה פריידל, שליוואָקאַ גיטל, שליוואָקא שרה, שאַנצער רעלאַ, טענענבוים צילאַ, טאָזביר מאניא, וויינטרויב חנה, ווינדמאַן חנה, זאַלצבערג חנה, זאַמבעק שיינדל, זילבערבערג מאניא, יעלען חיה ליבע.

נדבות פאַר די געליטענע אין טשענסטאכאָו

די ה"ה: האָפמאַן האָפער–3 זל.

נדבות פאַר „תומכי עניים"

ה' טוביה ניימאַן און פרוי צו דער התונה פון זייער טאָכטער 10 קילאָ ברויט

ה' מנחם שפּעטעל צו דער יאהרצייט פון זיין פערשטאָרבענער מוטער 10 קילאָ ברויט.

חלו[ם] צי ווירקליכקייט...

עס איז [געווע]ן אין א שעהנעם יוניטאָג, א שבת [נ]אָכמיטאָג. מיין ווייב מיט'ן הויזגעזינ[ד ז]ענען געזעסען ביים טיש אין גענאָס[ע]ן טון די פרישע פרוכטען, וועלכע [illegible]ען צייטיג אין דעם דאָזיגען חודש. מיין יונגסט טעכטעל'ל האָט איבער'חזר'ט א געדיכט, וואָס זי האָט זיך אויסגעלערנט דעקלאַמירען אויף דער סיום פייערונג פון דער שולע, מיין בן-יחיד האָט געגעבען צו פערשטעהן דער מוטער זיינער, אז נאָכ'ן ענדיגען דאָס גימנאַזיום, וואָלט ער געוואָלט פ[א]הרען קיין ארץ ישראל און העלפען ב[ויע]ן דאָס יודישע לאַנד און דערוויי[ל] האָט ער מסביר געווען א פרק חלוציות. און איך? איך בין געזעסען און געטראַכט וועגען דער וועלט מיט איהרע געשעהענישען, וועגען שפּאַניען [מי]ט איהר בירגער-קריג, וועגען רוסלאַנד מיט איהרע פּראָצעסען, וועגען רעגירונגס-קריזיס אין פראַנקרייך, וועגען דער פעלקער-ליגע מיט איהרע תקנות, וועגען א יודישער מלוכה אויף ביידע זייטען פון ירדן, וועגען – – – און פּלוצים האָט זיך פאַר מיינע אויגען פאַרגעשטעלט אַנ'אויסטערליש בילד.

איך געדענק נישט אין וואָס פאַר א שטאָדט דאָס איז געווען, נאָר איך האָב זיך געפונען אין א גרויסען זאַל, וואו ס'איז פאָרגעקומען אַנ'אַלוועלטליכע קאָנפערענץ מיט דער בעטייליגונג פון פאָרשטעהער פון אַלע מלוכות. דער זאַל איז הערליך דעקאָרירט, די זשיראַנדאָלען לייכטען מיט טויזענדער ליכט און אויף אַלעמענס פנים'ער רוהט א גליקליכער שמייכעל. ענדליך עפענט זיך די קאָנפערענץ און דער פאָרזיצער האַלט זיין ערעפנונגס רעדע.

רבותי! – זאָגט ער – איך בין גליקליך צו עפענען די היינטיגע קאָנפערענץ, וועלכע וועט זיין פערשריבען אין דער וועלט געשיכטע מיט גאָלדענע אותיות. מיר זענען זיך דאָ צוזאַמענגעקומען, כדי צו פייערען דעם גרויסען היסטאָרישען מאָמענט פון ברידערליכער צוזאַמענלעבען פון די פעלקער. גענוג שוין געווען מלחמות, רייסענישען אויף דער וועלט. גענוג קנאה, שנאה, נאַציאָנאַלע רייבונגען און ראַסען-האַס, די וועלט איז גענוג גרויס און ברויט סטייעט פאַר אַלעמען. איז אנשטאָט, וואָס ביז איצט האָט איין נאַציע געוואָלט גליקליך ווערען אויפ'ן חשבון פון דער אנדערער, אנשטאָט וואָס ביז איצט האָט דער שטאַרקער געוואָלט איינשלינגען דעם שוואַכען, וועלען מיר איצטער שליסען פריינדשאַפט און מענשען פערברידערונג. אַלע זענען מיר געבוירען געוואָרען צו לעבען א גליקליך לעבען. זאָלען מיר מעהר עס נישט פער'סמ'ען מיט אונזער בייזען גיפט.

א דונער פון אַפּלאָדיסמענטען האבען פערהילכט די דאָזיגע רייד.

דערנאָך האבען גערעדט פאָרשטעהער פון די מלוכות און נאַציעס, וועלכע האבען אַלע ווי איין מאַן אונטערגעשטראָכען די בעדייטונג פון דעם היסטאָרישען מאָמענט און באַלד האבען זיך אויסגעשטרעקט אָרעמס, עס האבען זיך געהאַלדזט: א דייטש מיט א פראַנצויז, א כינעזער מיט א יאַפּאַנער, אַנ'איטאַליענער מיט אַנ'אַבעסינטשיק, א פּאָלאַק מיט א יוד, א ענגלענדער מיט אַנ'אַראַבער און אַלע צוזאַמען האבען געשאַפען איין קאָראַהאָד.

איך בין געזעסען און נישט געגלויבט מיינע אויגען. גאָט מיין גאָט – האָב איך אויסגעשריגען – ענדליך איז דאָס גרויסע נס געשעהען, מענשען וועלען פאָרט אנהויבען צו לעבען מענשליך, און כ'האָב בעדויערט, וואָס איך האָב די גרעסטע העלפט פון מיין לעבען נעבעך אָבגעפינסטערט אין א ים פון אונזיניגער שנאה און כ'האָב מקנא געווען די קינדער, פאַר וועלכע עס הויבט זיך אָן א ניי שעהן הערליך לעבען.

אין מיין פאַנטאַזיע האָב איך מיר פאָרגעשטעלט, ווי אינטערעסאַנט עס וועט זיין צו לעבען אויף גאָטס-וועלט, ווען אנשטאָט בייזע פינסטערע פנים'ער מיט שלעכטע אויגען, וועלכע בעגעגענען דיך טאָג טעגליך, וועט די וועלט איצט זיין ליכטיג און קלאָר, און פאַר גרויס פרייד האבען זיך מיר בעוויזען טרערען אין די אויגען.

פּלוצים אָבער-טראַך, ווער קלאַפּט דאָס עפּעס אזוי, ווי שויבען וואָלטען צובראָזגעט געוואָרען, און וואָס איז דאָס געשריי, וואָס איך הער? וואָרטס נאָר, דאַכט זיך, אז עפּעס איז געפאַלען אין מיין קאָפּ אריין. האַ, וואָס איז דאָס, בלוט? איך רייס אויף די אויגען און זעה גאָרנישט. עס איז פינסטער אין שטוב, מיין ווייב און קינדער שרייען מיט בעטומענע קולות, איך טאַפּ אָן דעם קאָפּ און מיינע פינגער ווערען נאַס מיט בלוט, און איידער וואָס-ווען, כאַפּען מיך אָן הענד, וועלכע ציהען מיך און בעטען זיך ביי מיר, אז איך זאָל זיך בעהאַלטען, אנדערש קאָן איך נאָך חס ושלום גע'הרג'עט ווערען פון די שטיינער, וועלכע פליהען אין מיין פענסטער.

– – – – – – – – – – –

שוין עטליכע טעג ווי איך ליג אין בעט מיט א באַנדאַזשירטען קאָפּ, איך קאָן נישט צונויפנעמען די געדאַנקען. איך קאָן בשום אופן נישט קלאָר מאַכען, וועלכעס פון די צוויי ס'איז חלום און וועלכעס ווירקליכקייט. צי דאָס וואָס איך האָב איבערגעלעבט אויף יענער קאָנפערענץ, וואו מען האָט געפּרעדיגט וועגען מענשליכער פערברידערונג, צי גאָר זענען באמת שטיינער געפלויגען אין מיין פענסטער און גלייכצייטיג געטראָפען אין מיין קאָפּ.

אדרבה, אפשר קאָנט איהר מיר פותר זיין, וועלכעס איז חלום און וועלכעס ווירקליכקייט...

סמאָל

קאָלעקטיווע פעראַנטוואָרטליכקייט.

דער „כל ישראל ערב־ם זה לזה" איז, ווי ס'ווייזט אויס, געוואָרען א פאָרמול, וועלכעס אינטערליגט נישט מעהר קיין שום דיסקוסיע. אויב א יוד בעגעהט א פערברעכען, טוז גע־משפט ווערען דער גאנצער קבוץ.

די דאָזיגע פאָרמול איז שוין געוואָ־רען אזוי זעלבסטפערשטענדליך, אז קיינעם פאַלט נישט איין זיך איבער דעם צו פערטראַכטען.

ווען מיר בעטראַכטען איינעם פון די אויפרופען, וועלכע זענען ארויס־געגעבען געוואָרען פון פוילישען צד צו דער בעפעלקערונג וועגען בערו־היגונג, זעהען מיר, אז ס'ווערט דאָרט נישט דערסאַנט דער עלעמענטארער בעגריף, אז מען קאָן נישט משפט'ן א רבים צוליעב דער שולד פון א יחיד. פערקעהרט, צווישען די שורות לעזט מען, אז דאס, וואס דאס פאָלק נעמט נקמה אין דער גאנצער יודישער בע־פעלקערונג איז א נאַטירליכע און פערשטענדליכע זאך. אלא וואס דען — שוין צייט זיך צו בערוהיגען.

ביי קיין שום פאָלק און אומה ווערט דער דאזיגער פאָרמול נישט אָנגעוואָנ־דען, נאָר ביי יודען. וויפיעל מאָרדען און פערברעכענס פאסירען אויף דער וועלט. נו, וועט איינפאלען עמיצען צו בעשטראָפען דערפאר אומשולדיגע מענ־שען, נאר דערפאר ווייל זיי האבען דאס אומגליק צו געהערען צו דער זעלבער נאציע, וואס דער פערברעכער. בלויז אויף אונז יודען איז אויסגעגאָ־סען דער דאזיגער ביטערער צאָרן!

און נאָך א זאך דאַרף דאָ פעסטגע־שטעלט ווערען, אז אויב עס קומט פאָר א סכסוך צווישען א יודען מיט א קריסט, מעג עס, ווער עס זאָל נישט זיין, אויב ער ווערט נאָר בע'עולה'ט, באלד פעררעכענט פאר א קדוש, מיט וועלכען די גאנצע ענדעקישע אינטע־ליגענץ כאַפט זיך ארום און געהט זיך נוקם זיין אין דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג.

צו דער דאָזיגער פאָרמול מוז גע־מאכט ווערען א סוף. מיר יודען זענען נישט בעסער און נישט ערגער פון אלע אנדערע פעלקער, מיר האבען אי איידעלע מענשען, אי פערברעכער, און יעדער יחיד מוז טראָגען די קאָנסעק־ווענץ פאַר זיין טהאָט, אזוי ווי דאס איז ביי אלע אנדערע אומות. מיר ווי־לען נישט און קאָנען נישט פאָר קיי־נעם קרוב זיין, און אויב מען ווענדעט געגען אונז יאָ אָן די דאָזיגע פאָרמול, איז דאס א רשעות, וואס מוז בעקעמפט ווערען.

מיר ווייסען גאנץ גוט, אז אין פוי־לען געהט איצט א קורס אונז אָוועק־צונעמען דעם באָדען פון די פיס, אונז צו מאכען פרנסה'לאָז, ווען מען זאָל אויך גלייכצייטיג צו אונז אָנווענדען די דאָזיגע האָטענטאָטישע פאָרמול, זע־נען מיר דאָך נישט זיכער נישט בלויז מיט אונזער מאַטעריעלער עקזיסטענץ, נאָר אויך מיט אונזער לעבען. ווארום, ביים מינדעסטען סכסוך צווישען א יוד און א קריסט, איז חס ושלום טאָ־מער בלייבט דער קריסט דער בע'־עולה'טער, א סוף צו אונזער לעבען.

אונזער אויפמערקזאַמקייט דאַרף זיין געווענדעט צו בעקעמפען דעם פערשאָלטענעם פאָרמול פון קאָלעקטי־ווער יודישער פעראנטוואָרטליכקייט.

ש.

הילפס - קאָמיטעט פאַר די געליטענע פון די טשענסטאָכאווער געשעהענישען.

מיטוואָך אין אָווענד פארגעקומען אין דער קהלה אונטער'ן פאָרזיץ פון פרעזעס ראָזענבערג א זיצונג וועגען דער געשאפענער לאָגע אין אונזער שטאָדט. נאכ'ן אָבגעבען בעריכטען וועגען לויף פון די לעצטע געשעהעני־שען און פעסטשטעלען די גרויסע צאָהל געליטענע יודען, פון וועלכע א סך זענען ממש פערבליבען אָהן א שטיקעל ברויט, איז געשאפען געוואָרען א הילפס־קאָמיטעט פאר די היגע געליטענע יודען.

אין דאָזיגען קאָמיטעט זענען אויין

די ה"ה: מו"צ י. פראָקאָש, אַדוו. ל. אָש, ד"ר א. ברעָם, ד"ר ל. באַטאַוויא, ד. באָושיקאָווסקי, א. עפשטיין, מ. פאָ־געל, ש. גאָלדשטיין, ד"ר ח. הירשבערג, א. איצקאָוויטש, ד. קלין, אַדוו. מ. קאָ־נאָרסקי, ד"ר סט. קאָהן, ש. קאָץ, פרוי ד"ר י. ליפינסקא, דיר. ר. מאַרקאָוויטש, ד"ר מ. מערינג, מ. נייפעלד, ש. ניע־מיראָווסקי, א. פרץ, פרעזעס י. ראָזענ־בערג, ד"ר י. שלייכער, פ. שפּיראָ, א. שטראָסבערג, ש. שטרויס, ח. וועקסלער, וו. זשעריקער.

די יעצטיגע לאַגע

נעכטען האט אלע' גענומען זיך אומקעהרען צום נאָרמאלען לעבען. די געוועלבער זענען געעפענט געוואָרען אין דער גאנצער שטאָדט. בלויז די מאַרקשטעהער פון זאוואָדזיע האבען ווייטער געהאט געשלאָסען זייערע בוי־דען. ס'ווערען שוין פעררירכטען די טהירען און זשאַלוזיעס פון די צוהאָקטע געוועלבער און אין א סך פענסטער האט מען נעכטען אויך שוין אריינגע־שטעלט פרישע שויבען.

אין די גאַסען פאַטראָלירט נאָך רייטער און פיס פאָליציי.

אין דער קהלה קומען כסדר יודען, וועלכע האבען געליטען דירעקט אדער אומדירעקט פון די לעצטע געשעהעני־שען. אזוי האט זיך נעכטען אויך גע־וואָנדען א דעלעגאציע פון די יודען, וועלכע פערנעמען זיך מיט אויפקויפען אויף די הויפען אלטוואָרג און זיי האָ־בען ערקלערט, אז צוליעב דעם, וואס זיי האבען עטליכע טעג שוין נישט געהאָנדלט און אויך יעצט מוזען זיי זיך צוריקהאלטען א געוויסע צייט מיט'ן בעזוכען פעריש־דענע הויפען, דעריבער קומט זיי אויס אויסצוגעהן פון נויט.

די אייגענטימער פון דער פאבריק „וואולקאָן" די ה"ה פרעגער און לאַנדוי האבען דערוויטערט פון זייער פאַבריק צוויי קריסטליכע אַרבייטער, וועלכע האבען זיך בעטייליגט אין די לעצטע אַנטי־יודישע געשעהענישען. די דאָזיגע אַרבייטער האבען זיך נעכטען איינגער־פריה אָוועקגעשטעלט פאר דער פאַבריק צוזאַמען מיט נאך עטליכע קריסטען און טעראָריזירט די יודישע אַרבייטער, וועלכע זענען געגאַנגען צו דער אַר־בייט. איין יודישען אַרבייטער האבען זיי צושלאָגען.

אונזערע קהלה־פאָרשטעהער אויף דער וואָך

אונזערע קהלה פאָרשטעהער, די פרע־זעסען ראָזענבערג און אַדוו. קאָנאָרסקי, ווי אויך ד"ר בראָם שטעהען פון ער־שטען מאָמענט אָן אונערמידליך אויף דער וואָך פון דער היגער יודישער בעפעלקערונג. ווי נאָר ס'איז געשעהן דער פאָרפאַל מיט'ן דערשיסען דעם קריסטליכען טרעגער, האבען די דער־מאנטע טהוער, וועלכע האבען פאָרגע־זעהען וואסערע פאָלגען דאס קען ברענגען ביי הייגטיגע צייטען אין אונ־זער שטאדט, גלייך אונאויפהערליך אינטערווענירט ביי דער מאכט אין טשענסטאכאוו, קעלץ, ווארשא און גע־שטעלט זיך אין שטענדיגען ווייטער אין קאָנטאַקט מיט די יודישע פארלאמענ־טאריער, אָנגעשיקט טעלעגראַפישע ווענדונגען צים פרעמיער, וויצע־אינערן־מיניסטער, וואָיעוואָדע, פראָקוראָר, אינטערוועני רען ווייטער אויפ'ן אָרט, נעמען איבער כסדר בעריכטען וועגען דער לאגע אין שטאָדט, בעזוכען פער־זענליך אין די געפעהרליכסטע מאָמענ־טען די בעדראָהטסטע ערטער און גאָ־סען, כדי זיך גענויער צו בעקענען מיט דער סיטואציע און אָנווייזען אין עווענטועלען פאל דער מאכט וואו ס'איז נויטיג הילף.

די קאָלאָ־פאָרשטעהער, דעפ. דר. גאָטליעב און סעקרעטאר דר. טענענ־בוים האבען טאקע בעת זייער בעזוך אין טשענסטאכאוו אונטערגעשטראָכען, אז וואס־וואס, נור אז אונזערע דער־מאנטע געזעלשאפטליכע טהוער שטע־הען באמת אויף דער וואך פון דער היגער יודישער בעפעלקערונג.

די שווערע לאַגע פון די יודישע מאַרקשטעהער.

מיר האבען שוין געשריבען וועגען דער שווערער לאגע פון די יודישע מארקשטעהער, וועלכע קענען צוליעב די געשאפענע אומשטענדען שוין א גאנצע וואָך נישט פיהרען זייער האנ־דעל אויף זאוואדזיע. מעהרערע מאַרק שטעהער זענען פשוט געבליבען אָהן שום חיונה און דעריבער האט די פערוואלטונג פון קליינהענדלער פער־באנד אָרורכגעפיהרט א זאמלונג פון שפייז פראָדוקטען, וועלכע זענען פער־טיילט געוואָרען פאר 50 הענדלער־פאמיליעס.

די פערוואלטונג פון דערמאנטען [illegible] אויף דורך אונזער פערמיטלונג די פירמעס: גאָלדמינץ, וויינשטאָק, באראן, אלכמאן, קאָלין, שטאָהל און קאָהן, דאָנציגער, באנד און ראָזענבלום, רעדער, און רייכמאָן־ראָזענצווייג, וועלכע האבען זיך בע־שטייערט אויפ'ן דערמאנטען צוועק.

ווענדונג צו די הויז־בעזיצער וועגען דער רעגיסטראַציע פון די געליטענע.

היות ווי ס'איז אונבעדינגט נויטיג צו בעזיצען גענויע מאַטעריאַלען וועגען דער צאָהל פון די צושלאָגענע, פער־וואונדעטע יודען, בערויבטע און פער־ניכטעטע סחורות פון זייערע געוועלבער אדער וואוינונגען, ויבען אויסגעהאקטע ש א. או. וו., ווענדעט זיך די קהלה פער־וואַלטונג צו די יודישע הויז־בעזיצער און יודישען אַדמיניסטראַטאָרען און אַנ־דערע יודען, אז זיי זאָלען צו הילף קומען אין דער דאָזיגער אַרבייט. זאָל יעדער יודישער הויז בעזיצער אערד אַדמיניסטראַטאָר אין זיין הויז אַרומ־געהן צו אלע יודישע לאָקאַטאָרען און צונויפשטעלען נעהעריגע ליסטעס פון די געליטענע יודען. אין די הייזער, וועלכע געהערען צו נישט יודען זאָל די דאָזיגע מיסיע נעמען אויף זיך איי־נער אָדער צוויי יודישע לאָקאַטאָרען און זאַמלען דאס נויטיגע מאַטעריאַל. עס דאַרף אָנגעגעבען ווערען אין די ליסטעס אין קורצען דער נאָמען, פאַ־מיליען נאָמען און אַדרעס פון צושלאָ־גענעם אָדער פערוואונדעטען, ווערט פון שאָדען, צי ס'איז פערניכטעט אדער צוגערויבט געוואָרען סחורה א.ד.גל.

דאס דאָזיגע מאַטעריאַל איז נויטיג ווי אָמשנעלסטען און דעריבער ווערען געבעטען די דערמאנטע פערזאָנען שוין היינט, פריה, זיך צו פערנעמען מיט דער דאָזיגער אַרבייט. דאס מאַטעריאַל דאַרף געבראכט ווערען אין דער קהלה־קאַנצעלאַריע, אַלעע 10.

פערזיכערונגס־געזעלשאַפטען זענען נישט פעראַנטוואָרטליך פאַר צע־האַקטע שויבען בעת אונרוהען

פון קאָמפּעטענטע קרייזען דערוויסען מיר זיך, אז פערזיכערונגס געזעלשאפ־טען זענען נישט פעראַנטוואָרטליך פאַר די שאָדענס פון שרפות, אויפרייסען א. ד. גל., וואס ענטשטעהען צוליעב עקסצעסען אָדער אונרוהען, וועלכע טראגען א רעליגיעזען, נאציאָנאַלען אָדער קלאַסען כאראקטער.

שול־קינדער געגעבען די ערשטע נדבה לטובת די טשענסטאָכאָווער געליטענע.

די ערשטע נדבה לטובת די טשענ־סטאָכאָווער געליטענע איז געשאָנקען געוואָרען פון שול־קינדער. דאס האבען די שילער פון ד"ר אַקסער'ס גימנאַזיום צונויפגעזאמעלט צווישען זיך 24 זל. מיט 10 גר. און אריינגעטראגען אין אונזער רעדאקציע אויפ'ן דערמאנטען ציועק.

פרוי ג. נאָוואַק, פילסודסקי 11 — 50 זלאָטעס.

דער היגער „טאָז" גיט הילף אין קאַמיק

אין דער נאַכט פון מאנטאג אויף דינ־סטאג איז א מתנה כוליגאַנעס, דאס רוב פרעמדע, אָנגעפאלען אויף די וואוינונ־גען פון די דאָרטיגע יודישע איינוואוי־נער און כמעט אלע, אנ'ערך 40, דע־מאָלירט. דעם גרעסטען חורבן האבען די אָנפאלער געמאכט אין דער שוהל און ביים דאָרטיגען רב, וואו זיי האבען צוהאקט די פענסטער, די טהירען, די אינערליכע איינריכטונגען און אפילו צונומען טיילען פון די וואנד. אין דער ווייבערישער שוהל האבען זיי אויך צולייגט דאס פאָדערהייזעל. גרעסערע שאָדענס האבען זיי געמאכט אינ'ם הויף בנין פונ'ם דאָרטיגען יודישען גוט־בעזיצער. ביי דער „אַרבייט" האבען זיך די פערברעכער בענוצט מיט העק און אייזענס. בעת די דאָזיגע אָנפאלען האבען עטליכע יודען בעקומען וואונדען פון געוואָרפענע שטיינער.

אויף דער ערשטער אַלאַרמירענדער ידיעה וועגען די געשעהענישען אין קאָמיק האט דער טשענסטאָכאָווער „טאָז" ארויסגעשיקט אהין א דאָקטאָר מיט א היגעניסט, וועלכע האבען געגע־בען די געליטענע מעדיצינישע הילף און אויך בעשטימט בעשפייזונג פאר די קינדער.

פערזענליכעס.

— ה' מנחם גאָלדבערג, א זוהן פון פערשטאָרבענעם חיים לייב, האט בע־לעגט פאר דער אַדוואָקאטען־קאמער אין ווארשא דעם ענדגילטיגען עקזא־מען אלס אַדוואָקאָט.

ה' לייבל פאָגעל, א זוהן פון ר' מענדיל פאָגעל, האט געענדיגט דעם יורי־פאַקולטעט פון יאגעלאָנער אוני־ווערזיטעט אין קראקא און בעקומען דעם טיטול מאַגיסטער־יורי.

די געשעהענישען אין טשענסטאכאוו.

(סוף פון זייט 2).

און אומרוה. מיט רעכט פאָדערן מיר א סאַטיספאַקציע פאר'ן דאָזיגען פערברע־כען; מיט רעכט פאָדערן מיר, אַז עס זאָלען געשאפען ווערען אין אונזער שטאָדט אזעלכע בעדינגונגען, וואס זאָ־לען להבא אונמעגליך מאכען ענליכע פערברעכענס.

א בייזער גייסט וויל גראָד אויסנוצען די דאָזיגע אַטמאָספערע, כדי צו שטוי־סען די בעפעלקערונג פון אונזער שטאָדט צו מעשים, וואס זענען נישט פאַסיג פאר א קאַטאָליק און פאָלאַק, צו מעשים, וואס וואָלטען די שטאָדט פון דער הייליגער מאָריא פערוואנדעלט אין א שטאָדט פון שנאה, וואס וואָלטען פעראורזאכט שווערע [illegible] דער [illegible] זידענץ פון דער קעניגין פון דער פוי־לישער קרוין, וואס וואָלטען דעם דאָזי־גען ריינעם קוואַל פון פוילישען גייסט פער'סמ'ט מיט זאָמען פון פעיב־עכען און געברענגט אויף אונז מורא'דיגע געפאָהרען און אומגליקען.

ווער ס'ליבט די הייליגע מאָריאַ און איהר רעזידענץ, זאָל זיך געגענשטעלען און געגענווירקען דעם דאָזיגען בייזען גייסט.

אין איהר נאָמען, אלס איהר אונ־ווירדיגער מיניסטער און אייער אַרצי־פאַסטוך, ווענדע איך זיך צו אייך מיט'ן הייסען רוף, אַז איהר זאָלט אין די דאָזיגע שווערע מאָמענטען דערהאַלטען דאס גלייכגעוויכט און רוהע און אויך בערוהיגען אנדערע, אז איהר זאָלט פערטיידיגען די הייליגקייט און ווירדע פון דער דאָזיגער רעזידענץ פון דער הייליגער מאריא.

טשענסטאָכאָוו דאַרף אויך אין די דאָזיגע שווערע מאָמענטען בלייבען דער ריינער קוואַל פון קאַטוילישען און פוילישען גייסט, די פעסטונג פון געזעץ און אָרדנונג.

טעאָדאָר קובינאַ, ביסקופ

טשענסטאָכאָוו, דעם 22 טשערוויעץ 1937.

דער מיטוואָכ'דיגער טאָג.

די נאַכט פון דינסטאג אויף מיטוואך איז אדורך פערהעלטניסמעסיג רוהיג. אין מאנכע ערטער אויף דער ווארשא־ווער גאס האבען כוליגאַנעס נאך פער־ענדיגט טיילווייז די „אַרבייט" פון די פריהערדיגע טעג. אזוי האבען זיי אין דער פערבליבענער חורבה אויף ווא־רשאווער 186 צוהאָקט און צוברָאכען נאך דאס, וואס ס'האט זיך דאָרט גע־פונען נאכ'ן ערשטען איבערפאַל.

מיטוואָך אינדערפריה האט א באַנדע כוליגאַנעס אויך פולשטענדיג דעמאָלירט דאס שפייז געוועלביל פון לייב בירנבוים אויף ווארשאווער 136. די טאַבאַק אויס־אַרבייטונגען, וואס האבען זיך דאָרט געפונען זענען צוגערויבט געוואָרען. דער שאָדען בעטרעפט אנ'ערך 1500 זל. דערזעלבער בירנבוים איז מיט א טאָג פריהער — ווי מיר האבען שוין נעכטען בעריכטעט — צושטאָכען געוואָ־רען דורך כוליגאַנעס און געפינט זיך אויף קוראַציע אין שפיטאָל.

אין די אלעען זענען א גרויסע צאָהל יודישע געוועלבער געעפענט געוואָרען אויף א העלפט. די שוי־פענסטער זענען געבליבען פערמאכט אדער פערקלאַפּט מיט ברעטער. אויף אנדערע גאסען איז זעלטען וואו אָפען א יודיש געוועלב.

קיין איינער פון די עטליכע הונדערט יודישע מאַרקשטעהער פון זאוואָדזער מאַרק האט נעכטען נישט געעפענט זיין בויד. די בעוועגונג אין די גאַסען איז ווייטער א שוואַכע.

איבער דער גאנצער שטאָדט פאַטראָ־לירען ווייטער פערשטאַרקטע רייטער־און פוס־צעהנער־פאָליציי.

אברהם אָלטמאָן, דאָמבראָווסקי גאס נר. 8, האט נעכטען אָנגעוויזען דער פאָליציי עטליכע אַדרעסען פון די, וועלכע האבען אנטיילגענומען אין דע־מאָלירען און רויבען זיין קאָלאָניאַל־געוועלב. בעת דער אדורכגעפיהרטער רעוויזיע האט די פאָליציי ווירקליך געפינען סחורות, וואס שטאמען פון דאזיגען רויב און דריי קריסטען אַרעס־טירט.

מעהרערע יודען, וועלכע האבען גע־ליטען בעת די לעצטע געשעהענישען האבען אָנגעגעבען אין דער קהלה גע־מען פון די אנטיילנעמער פון די דאָזיגע פערברעכער. ס'האט זיך זאָגאר אויך געמאָלדען א קריסט, וועלכער האט אויפגעגעבען א רייהע נעמען פון די, וואס האבען זיך בעטייליגט אין חרוב־מאכען דאס בית־המדרש.

דער פּראָצעס פון יוסף פענדראַק

די אויספאָרשונג וועגען מאָרד פון יוסף פענדראַק איז שוין פערענדיגט, דער בעשולדיגונגס אַקט איז שוין אי־בערגעגעבען געוואָרען דעם אַרעס־טירטען. ער ווערט בעשולדיגט לויט'ן ארט. 225 פונקט 1, וואס זעהט פאָר פון 10 יאהר תפיסה ביז טויט שטראָף.

דער פּראָצעס איז בעשטימט געוואָ־רען אויף דאָנערשטאָג, דעם 1־טען יולי.

KINO „EDEN".

!! הערליכע פוילישע קאָמעדיע

Pan Redaktor szaleje

אין די הויפט · ראָלען:

אדאָם בראָדזשיש, שעלאָנסקי, באָגדא, פערטנעם, אָרוויד.

איבער'ן פּראָגראַם: אקטואליען.

Kino „LUNA"

מערי אַסטאָר — וואָלטער הוּדסאָן

אין דער מייסטער · דראמע

לויט סינקלער'ס ערצעהלונג

SAM DODSWORTH

איבער'ן פּראָגראַם:

KRÓL BURLESKI

מוזיקאַלישע קאָמעדיע מיט טויזענדער עפעקטען.

FARBIARNIA, I PRALNIA CHEMICZNA

„KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2

Redaktor i wydawca: B. Bosian

Druk. B. Bosian, Aleja 6